STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06600

IN ORIME HAYZER

Sch. Gorelik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין ארימע הייזער

—— און אנדערע ——

דערציילונגען

פון ש. מ. גארעליק
(שלמה בן משה)

פארלאג פריינט, 1941

בעסי'ס גרויסער זיג

די ניינצן יאריקע בעסי וויים, איז געקומען אהיים מיט א מאדנעם מיסטעריעזן אויסדרוק אויף איר שיין פארוואלקנט פנים. אירע גרויסע, שווארצע, קלוגע אויגן האבן געקוקט פארזארגט. אירע פולע רויטלעך צוגע־פארבטע ליפן זיינען געווען צוגעשלאסן, ווי זי וואלט מורא געהאט אז זי וועט צעעפענען די ליפן וועט זיך פון זיי ארויסגליטשן דער סוד מיט וועלכן זי איז געקומען אהיים און וואס זי וויל פאר קיינעם ניט פארטרויען, אפילו פאר דער אייגענער מאמען וואס קוקט איר שטענדיק אין די אויגן און געפינט ביי איר אלעמאל אויס אירע פארבארגנסטע סודות. ווען בעסי איז געקומען אהיים איז אין הויז קיינער ניט געווען, האט זי דערפאר געקאנט זיך אוועק־זעצען און קלאר באטראכטען, וואס זי האט דא אפגעטאן, און ווי אזוי טאטע־מאמע — וועלן עס נעמען.

ביי זיך ווייסט בעסי, אז זי טוט קיין שום פארברעכן ניט. אז ווען מען צווינגט א מענטשן ער זאל אנטאן א מאסקע מוז ער, דער מענטש, די מאסקע אנטאן, און וויפיל מענטשן אין אונזער לעבן גייען דאס ארום ניט פארמאסקירט, ווייל צו טראגן א מאסקע איז אפטמאל באקוועמער און לייכטער אנצוגיין אין לעבן.

אין איר פאל האט עס דער שיקזאל אליין באשלאסן, אז זי זאל די מאסקע אנטאן.

שוין צוויי יאר אז איר פאטער גייט ארום אן ארבעט. אין הויז פילט זיך דער דחקות. דער פאטער איז שוין א האלבער מענטש געווארן, איז עס אויף איר, די עלטסטע פון די דריי קינדער אויסגעפאלן צו ווערן די פאר־

זארגערן. אבער אָט איז שוין באַלד אַ האַלב יאָר, אַז זי זוכט אַ שטעלע און אָן רעזולטאַטן, און שולדיק אין איר דורכפאַל איז איר אידישער אַפּשטאַמען. אפילו די אידישע באַסעס לאָזן אידישע מיידלעך שטיין אָן אַ זייט און נעמען אָן די איטאַליענישע, די פּוילישע, אַלעמען אחוץ די אידישע.

בעסי איז שיין, איר פיגור גראַציעז, שלאַנק, בויגעוודיק, און זי וואָלט לייכט געקאָנט קריגן אַ שטעלע פאַר אַ מאָדעל אין אַ פאַבריק פון פרויען קליידער, אבער אַזוי שנעל ווי זי דערמאַנט איר אידישן נאָמען לאָזט מען איר באַלד וויסן אַז זיי האָבן פאַר איר קיין שטעלע ניט. אַנדערע זאָגן אָפן, אַז קיין אידישע שטעלן זיי ניט אָן, און אַלעמאָל ווען בעסי דערהערט אַזעלכע ווערטער דערפילט זי ווי אויסשרייען איר פּראָטעסט קעגן דעם אוממענטשלעכן פאַראורטייל פון מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט גאָר ניט פאַרזינדיקט נאָר מיט דעם וואָס זיי טראָגן דעם נאָמען איד. אָבער אין אַזעלכע מאָמענטן קאָנטראָלירט זיך בעסי, זי ווייס, אַז זי וועט זיך מיט דעם נאָר לעכערלעך מאַכן און העלפן וועט עס איר ניט. נאָר איינמאָל האָט זי זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און אַריינגעשריען אַ אידישן באָס אין פּנים אַריין:

— איר זייט ניט ווערט, וואָס איר טראָגט דעם נאָמען מענטש אויף זיך. אַזאַ חוצפּה, אַ איד זאָל אַ אידישע מיידל ניט וועלן אָנשטעלן. איר ווייסט אפילו ניט, אַז איר פאַרשעמט מיט דעם זיך אַליין, אַז איר שפּייט זיך אַליין אין פּנים אַריין. אַזאַ געמיינהייט באַגיין קעגן זיך אַליין!

דער אידישער באָס האָט דאַן מאָדנע אַ לאַך געטאָן און אַ פּנים ניט געוואָלט מאַכן פון דעם קיין עסק, האָט ער איר גאָר ניט געענטפערט. און אַז בעסי איז פון יענעם באָס אוועק האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז מיט אַזאַ האַנדלונג וועט זי גאָר ניט אויפטאָן, אַז זי מוז עפּעס טאָן אַנדערש, און אין יענעם מאָמענט האָט עס בעסי באַשלאָסן צו בייטן איר נאָמען און ווערן פאַר די באָסעס אַ טאָכטער פון אַן אַנדער פאָלק. אבער בייטן דעם נאָמען אַליין איז ניט געווען גענוג. מען האָט נאָך אַלץ געקענט פאַרדעכטיגען אַז זי איז אַ אידישע, כאָטש מען האָט זי לייכט געקענט פאַרבייטן אויף אַן איטאַליענערין, מחמת זי האָט פאַרמאָגט אַן איטאַליענישע פרויען שיינהייט, איז אָבער פאָרט געווען זיכערער צו טאָן עפּעס מער ווי נאָר געבן

זיך אן אנדער נאמען. זי איז געווען אנטשלאסן צו קריגן א שטעלע און ארויסטרייבן דעם דלות פון הויז, וואס האט געדראט מיט הונגער און מיט ווערן גרוי און אלט פאר דער צייט. איז בעסי דערפאר אוועק און זיך איינגעהאנדלט א קליין צלמ'ל מיט א שווארץ זיידענעם שנירל וואס מען האט געקאנט טראגן אויפן הארצן.

בעסי האט אליין נים געוואוסט פאר וואס זי איז אזוי צוטראגן וואס זי האט איינגעהאנדלט דעם צלם. זי גייט דאך חלילה ניט איבערבייטן דעם גלויבן, עס איז דאך ניט מער ווי אן אנשטעל צו פארבלענדן די באַסעס די אויגן. דעם צלם האלט זי דאך נאר פאר א באשיצער. עס וועט ראטעווען די גאנצע הויז פון הונגער, פון נויט. זי איז שוין גרוים געגוג, זי זעט אז איר טאטע מאמע שפארן אפ דעם לעצטן ביסן ברויט כדי קינדער זאלן נים הונגערן, און אליין גייען זיי איין, דארן, א קאפ גרויע האר האט דאך שוין די מאמע פון דעם אפגעשפארט... און דער פאטער — א שאטן פון א מענטשן, א שטיק פינסטערער אומעט, וואס באוועגט זיך איבערן הויז און רעדט זעלטן ארוים א ווארט. בעסי שלעפט ארוים פון האנטטאש דעם צלם מיטן שווארצן שנירל. זי וויל עס אנמעסטן, זען ווי זי קוקט אוים מיט א שווארצן צלם אויפן הארצן, נאר זי דערהערט ווי די טיר פון גאס עפנט זיך און די מאמע קומט אריין א קרעבצנדיקע. בעסי כאפט דעם צלם און ווארפט צוריק אריין אין האנט־טאש. און ווען די מאמע קומט אריין זיצט בעסי און פארריכט זיך די האר.

— ביסט שוין לאנג דא, בעסי? — פרעגט די מאמע.

— ניט לאנג, מא. — ענטפערט בעסי און פרעגט: — וואו ביסטו געווען?

— איך קום פון גראסערי.

איצט דערמאנט זיך בעסי, אז זי איז טויט הונגעריק. אז זי האט נאך היינט גאר ניט געהאט אין מויל, און פון זיך אליין רייסט זיך ביי איר ארוים:

— האסט גארניט געבראכט, מא?

— גאָרניט, — ענטפערט די מאמע און דרייט אוועק דעם פּנים פון בעסי'ן. זי וויל ניט אז בעסי זאל זען אירע פאַרטרערטע אויגן. זי ווייס, אז די טאַכטער פרעגט איז זי מסתּמא זייער הונגעריק. זי לאָזט זיך איבערן קיך זוכן, כאָטש זי ווייסט אז עס איז גאָרנישט ניטאָ, אז זי וועט גאָרנישט געפינען. און מיט אַמאָל טוט זיך די מאמע א כאַפּ און לאָזט זיך אין דרויסן.

בעסי פאַרשטייט, אז דאָס האָט זי זיך געלאָזן ערגעץ אויסבעטן, אויסוויינען א גמילות חסד. זי דערמאָנט זיך ווידער אָן דעם צלם ביי איר אין האַנט־טאַש און מיט פאַרטרערטע אויגן לאָזט זי זיך פון קיך צו זיך אין שלאָף־צימער.

אינדערפרי וועט בעסי איז אויפגעשטאַנען האָט זי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. זי מוז אַנטאָן דעם צלם צו גיין זוכן א שטעלע. אָבער ווי אויף צו להכעיס — קוקט איר היינט די מאמע נאָך מער נאָך פון אַלע מאָל, זי היט איר יעדע באַוועגונג. בעסי גיט זיך מיט אַמאָל א קער צו דער מאַמען:

— מאמע, וואָס קוקסטו מיר אַזוי נאָך, האָסט מורא איך וועל פאַרלאָרן גיין?

קוקסט עפּעס היינט אויס צוטראָגן — זאָגט די מאמע און נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון דער טאָכטער.

בעסי גיט א טראַכט: „אוי, עס טויג ניט. אז זי וועט אַזוי זיין, וועלן די באָסעס אויך דערקענען. זי דאַרף מאַכן אָן אָנשטעל. און דעם צלם, יע דאָס וועט זי שוין מוזן אַנטאָן אין א ווינקל ערגעץ אין גאַס. היינט מוז זי געפינען א שטעלע, היינט".

און זי גיט א גלעט דער מאַמען:

— זאָרג ניט, מאמע, איך בין ניט צוטראָגן. איך בין נאָר עפּעס אַזוי... דאָס האַרץ זאָגט מיר, אז איך וועל היינט קריגען א שטעלע.

בעסי איז ארוים אין דרויסן. אין א ווינקל גאס האט זי זיך ארומגע־קוקט און אז קיינער איז ניט געווען האט זי אנגעטאן דעם צלם אויפן האר־צן, און דעם גאנצן וועג די האנט ניט אראפגענומען פון הארצן. פאר־שטעלט דעם צלם...

עס האט זיך איר געדאכט, אז זי טראגט אויפן הארצן ניט א צלם, נאר עפעס א שווערער שטיין ליגט און פרעסט ביי איר אויפן הארצן. בעסי דערמאנט זיך איצט, וואס זי האט געלערנט אין דער אידישער שולע, פון די מאראנען וואס האבן אויף די הערצער געטראגן צלמים און אין הארצן גע־ווען אמת'ע אידן. זיי האבן געמוזט זיך פארשטעלן, פארמאסקירן כדי ניט דארפן אויסשטיין אלע פיינען פון דער אינקוויזיציע, כדי צו קענען לעבן. וואס איז זי, ניט א מאדערנער מאראן וואס וויל ניט אונטערגיין, פארהונ־גערען און דערפאר מוז זי זיך פארשטעלן און פארמאסקירן און טראגן דעם צלם אויפן הארצן. בעסי איז נאך יונג אין יארן אבער זי פילט שוין דעם טעם פון גלות וואס דריקט די אידישע נשמות שוין טויזנטער יארן. איר יונגע הארץ ווייטאקט, זי פילט ווי אראפצורייסן דעם צלם פון הארצן און מאכן א סוף צו דער קאמעדיע, אבער זי דערמאנט זיך אן דער היים, אן דעם דלות און דער ווילן ווערט אין איר פאראליזירט. מיט אמאל דערהערט בעסי ווי עמיצער רופט זי אן ביים נאמען, זי שטעלט זיך אפ און דערזעט איר חבר'טע קיידי. די לעצטע דערפרייט זיך מיט בעסי'ן. זי כאפט אפ דעם אטעם און רעדט:

— איך טראכט אזוי אפט פון דיר, בעסי, איך האב נאר מורא געהאט, איך וועל דיך ניט קענען אניאגן. לויפסט, וואוהין יאגסטו דאס אזוי?

— איך יאג זיך אין ערגעץ ניט, ענטפערט בעסי. — איך זוך א שטעלע.

קיידי קוקט אן דער חבר'טע. זי באמערקט דעם שווארצן שנירל ארום בעסי'ס האלדז און זי גיט וואוילינגעריש א פרעג:

— וואס האלסטו די האנט אויפן הארצן. וואס פארשטעלסטו דאר־טן, א ממזור?

בעסי פאררויטלט זיך. וויל עפעס זאגן, אָבער די ווערטער בלייבן ביי איר אין האלז. זי קען ניט ארויסרעדן. קיידי העלפט איר ארויס מיט א געלעכטערל:

— פאר מיר, בעסי טייערע, דארפסטו זיך ניט שעמען. איך ווייס, וואס דו באהאלסט דארטן. איך האב דיר טאקע געוואלט געבן די עצה, ביס־טו אליין קלוג געווארן.

— איך ווייס ניט, וואס דו ווילסט פון מיר, — פראָטעסטירט בעסי.

עפעס ווילט זיך איר ניט, אז איר חבר'טע זאל זיך דערוויסן אז זי האָט אָנגעטאָן א צלם אויפן הארצן.

קיידי צולאכט זיך:

— כא, כא, כא! איך וויל פון דיר גאר ניט. איך האב אנגעטאָן א צלם אויפן הארצן א סך פריער פון דיר, האב איך טאקע באלד געקראגן א שטעלע. איצט טראג איך מער ניט דעם צלם אויף זיך, דער באָס קען מיר שוין, ער ווייסט, אז איך בין א שיקסע...

זי מאכט דערביי א קאָמישע מינע און לייגט צו מיט א קורץ חוזק געלעכטערל:

— כא, כא, און איך בין ביים באָס איצט די אויבערשטע פון שטויסל...

בעסי קוקט אָן איר חבר'טע מיט וואונדער. באָטש זי אליין האט אנגעטאָן דעם צלם אויפן הארצן און איז ארויס מיט דעם זוכן גליקן, ווילט זיך איר אָבער אלץ ניט גלויבן, אז אזעלכעס קען טאקע אין לעבן פאסירן. אָבער קיידי דערציילט נאך איינצלהייטן פון שאפ און פאר בעסי'ן ווערט קלאָר דער אמת. דער שווערער און פיינלאכער אמת.

זי טוט איר חבר'טע א פרעג:

— און דיין באָס ווייסט טאַקע גאָרניט, אַז דו ביסט אַ אידישע?

— אוי, בעסי, ביסטו נאַאיוו — זאָגט קיידי מעשה דערפאַרענער מענטש, — ווען דער באָס ווייסט, אַז איך בין אַ אידישע וואָלט איך דאָך ביי אים ניט געווען דאָס אויבערשטע פון שטויסל.

ביי בעסי׳ן לויפט דורך אין געדאַנק: „ווי זי נעמט דאָס אַזוי לייכט. ביי איר איז דאָס גאָר אַ שפּאַס, וואָס זי קען זיך פאַרמאַסקירן, אָפּנאַרן מענטשן. פאַרוואָס קען זי אַליין דאָס ניט נעמען אַזוי לייכט ווי איר חבר׳טע קיידי?"

קיידי טוט איר חבר׳טע אַ מונטער:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט? קום, איך וועל זיין שפּעט צו דער אַרבעט.

— אפשר וואָלסטו מיך אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ, — זאָגט בעסי מיט אַ טאָן פון רעזיגנאַציע, ווי אַלץ פאַר איר וואָלט סיי ווי געווען פאַרלוירן.

קיידי גיט זיך אַ כאַפּ:

— אוי ס׳אַרא גולם איך בין! דער באָס זוכט דאָך טאַקע אַ מאָדל מיידל, און דו מיט דיין פיגור ביסט דאָך אנגעמאָסטן פאַר דעם, וואָס ביסטו דאַכט זיך נומער זעכצן. דאָס איז גוט, אַזאַ זוכט ער טאַקע. נאָר, בעסי דאַרלינג, ווען דו קומסט פאַר׳ן באָס פאַרגעס ניט אַראָפּצונעמען די האַנט פון האַרצן...

— ווער איז דיין באָס? — גיט בעסי אַ פרעג.

— אַ איד, וואָס זיין נאָמען איז צוגעפּאַסט צו זיין פאַרמעגן. ער הייסט שטיינרייך.

— א איד? — גיט בעסי א זאָג ארויס פארוואונדערט, כאָטש עס איז ביי איר גאָר קיין נייעס ניט.

— וואס וואונדערסטו זיך אזוי? — רעדט קיידי. מיט אידישע טעכ־טער האבן די אידן ליב צו שטיין אונטער די פיר פלעקער. חתונה האבן יע, אָבער צו דער ארבעט ווילן זיי ניט קיין אידישע טעכטער. א אידישע מיידל צו דער ארבעט איז ביי מיין באָס טריף ווי חזיר.

— ביי דיין באָס, אבער ניט ביי אלעמען — פּראָטעסטירט בעסי.

— איך זאג ניט ביי אלעמען, אָבער ביי מיין באָס, ביי דעם מיס־טער שטיינרייך קען א אידישע מיידל ניט ארבעטן, ווען זי זאל אפילו זיין זיין אייגענע טאכטער...

בעסי גיט א שמייכל. דער וויץ איז איר געפעלן. ביידע מיידלעך פילן ניט ווי זיי בלייבן שטיין ביי דער טיר מיט אן אויפשריפט: „שטיינרייך און זון".

בעסי האט אליין ניט געוואוסט פון איר גרויסן טאלאנט צו קענען זיך אזוי גוט פארמאסקירן. אין אָנפאנג אפילו ווען זי איז געשטאנען פאר מיסטער שטיינרייך האט זיך איר גאָר געדאכט אז ער קוקט אויפן צלם ביי איר אויפן הארצן מיט א חוזק שמייכעלע, און אז אָט וועט ער א זאָג טאן: „איך וויים ווער איר זייט, איר דארפט זיך ניט פארמאסקירן". אָבער אז זי האָט דערזען, אז איר חשד איז אן אומזיסטער, אז דער באָס שטויסט זיך אויף גאָרניט אָן, איז זי אריין אין דער ראָל פון א טאכטער פון א פרעמדן פאָלק ווי אן אויסגעצייכנטע אקטריסע. און צום סוף האט איר דער באָס געזאגט, אז זי קען מארגן קומען צו דער ארבעט.

בעסי איז אוועק אהיים מיט געמישטע געפילן, זי האט געהאט פאר־דרוס פון דעם צלם אויפן הארצן, פון דעם גאנצן טראגישן שפיל, וואס האט אויסגעקוקט אין אירע אויגן ווי חוזק. וועמען האט זי דאָ אפּגענארט. דעם אידישן באָס, וואס הייסט מיסטער שטיינרייך און וואס זיין נאָמען איז צוגעפּאסט צו זיין פארמעגן? ניין, ניט אים האט זי דאָ אפּגענארט נאר

זיך אליין. זי האט באטראכט איר אייגענעם „איך". פון איצט אָן וועט זי זיין צעריסן אין צוויי. איין העלפט, אין דער היים וועט זיין אידיש, די צווייטע העלפט אין שאפּ וועט זיין איטאליעניש. ניט זי, בעסי, האט גע־דארפט זיך אראָפּלאָזן צו דעם. זי האט זיך דערפילט מאדנע נישטיק. נאר אז זי האט זיך דערמאנט אָן דער היים, אָן דעם טאטנס שווייגן, אָן דער מאמעס גרויע האָר, און אז אין הויז וועט איצט זיין וואס צו עסן, האט זיך איר געפיל פון נישטיקייט פארוואנדלט אין א געפיל פון שטאָלץ, פון אָפּ־פערוויליקייט, פון קענען זיך אליין מקריב זיין פאר אנדערע. און זי איז דאָך דאָס אלץ מקריב פאר טאטע־מאמע, פאר די קלענערע קינדער.

מיט דעם געדאנק איז בעסי געקומען אהיים. ווען בעסי איז אריין אין הויז האט די מאמע זי אָנגעקוקט און א פּאטש געטאָן מיט די הענט:

— אוי, ברוך! — האָט זי אויסגעשריען צום מאן. — דיין טאכ־טער טראגט דאָך א צלם אויפן הארצן! ברוך, א קלאָג איז אונז! וואס מיינט דאָס?...

ערשט איצט האט זיך בעסי געכאפּט אז זי האט פארגעסן אראָפּ־נעמען דעם צלם פון הארצן איידער זי איז אריין אין הויז.

ברוך, דער טאטע, ווי מען וואָלט דורך אים דורכגעלאזן אן עלעקט־רישן שטראָם האט זיך א הויב געטאָן, אָנגעקוקט דער טאכטער און א רע־ווע געטאָן:

בעסי, נעם שוין אראָפּ דעם צלם פון הארצן און דערקלער מיר, וואס זיינען דאָס פאר א שטיק וואס דו פּראוועסט.

בעסי האָט בליץ שנעל א טראכט געטאָן: „זי טאָר זיך ניט פארלי־רן. זי דארף זיך האלטן רואיק, טאטע־מאמע זאלן ניט ארייינפאלן אין היס־טעריע. איז זי דערפאר צוגעגאנגען נאָענט צו טאטע־מאמע און א זאָג געטאָן מיט געמאכטער רואיקייט:

— איר דארפט ניט האבן קיין יסורים. איך האב זיך נאָך דערוויל

ניט גע׳שמד׳ט. איך האב מיט דער הילף פון דעם צלם היינט געקראגען א שטעלע און דוקא ביי א אידישן באַס.

די מאמע האט פון אויפרעגונג זיך א זעץ געטאָן אויף א שטול און דער פאָטער האט אויסגעגלאצט א פאָר אויגן און א ברום געטאן:

— הא, ביי א אידישן באָס דארף מען האבן א צלם!

— אויב דו האָסט דאָס פריער ניט געוואוסט ווייסטו דאָס איצט, איך ווייס שוין דאָס פון לאנג, — האָט די טאכטער מיט ביטערקייט א זאָג געטאן.

— א קלאָג צו אזעלכע אידן — האָט זיך ביים פאָטער ארויסגעריסן א קללה — וואס צווינגען אידישע טעכטער צו טראָגן א צלם אויפן הארצן.

איין קלאָג אויף זיי איז ווייניק! — האָט די מאמע ארויסגעשלוכצט.

דערנאָך איז אין הויז שטיל געווארן. דער פאָטער האט געשוויגן, און די מאמע האט געשוויגן, און בעסי האט מיט הארצווייטאג געקוקט אויף טאטע־מאמע און געהאט פארדרוס וואס אויס מורא פאַרן הונגער רייסט דער טאטע ניט אראָפּ דעם צלם ביי איר פון הארצן.

די ארבעט וואס ביסי האט געדארפט טאן אין שאפּ איז געווען לייכט אָבער מאנאטאן. כמעט דעם גאנצן טאג איז איר אויסגעקומען צו מעסטן אויף זיך ניי צוגעשניטענע דרעסעס. זי האט זיך געוויקלט אין פרעמדן זייד און קעיפּ, אין גלאטן סאמעט, און אָפטמאָל איז איר אויסגעקומען צו שטיין שעה׳ן לאנג און לאָזן דער דעזיינערין ארומשטעכן אויף איר די צוגעשניטענע ווארע מיט פּינס. דערנאָך האָט זי זיך געמוזט דרייען פארן באָס און אפילו פארן באָסעס זון, וואס מען האט אים גערופן אין שאפּ דער יונגער שטיינ־רייך.

ער, דער יונגער שטיינרייך איז געווען א מבין אויף א פיין צוגע־

פּאַסטער קלייד. ער איז געווען אַן אויטאָריטעט אויף פּאַסאַנעץ, און ער האָט לאַנג ניט געדאַרפט קוקן צו זען וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט ניט.

אונטער די בליקן פון דעם יונגן שטיינרייך האָט זיך בעסי, אַדער ווי זי האָט געהייסן אין שאַפּ, אַנדזשעלינאַ, דערפילט מאָדנע אומאַנגענעם. אַ סך מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער קוקט ניט אויף די קליידער נאָר אויף איר. זיינע בליקן האָבן זיך געגליטשט איבער איר שלאַנקער פיגור וואָס איז געווען שטייף אַרומגעוויקלט אין זיידנס, און שטענדיק האָבן זיך זיינע בליקן אָפּגעשטעלט אויף איר פּנים און דעם באַדייט פון די דאָזיקע בליקן האָט זי ניט געקאָנט דערגיין: איינמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זיינען פרעך און ציניש, און אַן אַנדערש מאָל, אַז זיי באַוואונדערן זי מיט עקסטאַז און ליידנשאַפט. און אַמאָל איז אין זיינע בליקן אויך עפּעס געווען קינדערישעס, וואָס באַוואונדערן אַ שפּילצייג, וואָס איז ניט זיינס און וואָס ער קען ניט דערגרייכן. אָבער איין זאַך האָט בעסי יאָ געוואוסט אויף זי־כער: אַז אַלע טאָג קומט דער יונגער שטיינרייך צו אָפּטער, צו באַטראַכטן דעם זייד און קרעפּ וואָס ליגט אַרומגעוויקלט אַרום איר שלאַנקער פיגור... און אַז בעסי׳ן האָט זיך פאַרוואָלט רעדן, האָט זי אַ זאָג געטאָן צום יונגן שטיינרייך:

— איר זייט אַ מבין אויף פּאַסאָנען, ניט אַזוי?

— ניט נאָר אויף פּאַסאָנען אַליין בין איך אַ מבין — האָט דער יונגער שטיינרייך — געענטפערט.

— אויף וואָס נאָך? — האָט בעסי געפרעגט.

— אויף אַזעלכע שיינע פרויען ווי איר זייט.

— אַ! — האָט זיך ביי בעסי׳ן אַרויסגעריסן און זי האָט איבער־געלאָזט דעם יונגן שטיינרייך און זיך געלאָזט צו דער דעזיינערין. און איינמאָל ווען ביידע חבר׳טעס זיינען נאָך דער אַרבעט צוזאַמען געגאַנגען אהיים האָט זיך קיידי אָנגערופן מיט אַ שעלמיש שמייכעלע:

— סעי, אנדזשעלינע בעסי, דער יונגער שטיינרייך איז דאָך די כפּרה נאָך דיר, האָסט געזען ווי ער קוקט אויף דיר!

— ווי קוקט ער אויף מיר? — האָט אנדזשעלינא בעסי א פרעג געטאָן.

— איך קען דעם יונגן שטיינרייך. ער האט קיינמאָל אזוי אויף א מאָדל־מיידל ניט געקוקט און אזוי אפשט איז ער אויך ניט צוגעקומען — האָט קיידי גערעדט.

— דו שפּאסט, — האָט בעסי געזאגט מיט פארוואורף — פון אלץ האָסטו ליב צו מאכן א שפּאס.

— איך שפּאס שוין גאָר ניט — האָט קיידי פארזיכערט איר חבר'טע — הלוואי קוקט ער אזוי אויף מיר, איך וואָלט שוין געוואוסט וואס איך האָב צו טאָן, ער איז דאָך א פּארטנער צו זיין טאטנס געשעפט און דו ווייסט וואס דאס מיינט!

— וואס מיינט עס?

— עס מיינט באָדן זיך אין לוקסוס, אָט וואס עס מיינט! — האָט קיידי געזאָגט מיט התפעלות.

— אָבער איך בין דאָך אן איטאליענערין — האט בעסי געפונען מוט זיך א וויצל טאָן איבער זיך אליין.

— אָבער שיין און גראציעז ביסטו — האָט קיידי צוגעזונגען — און פארליבן זיך אין דיר קען א בחור, אוי, ווען איך וואלט געווען אויף דיין פּלאץ, אוי, וואָלט איך א הוליע געטאָן!

נאָכדעם האט בעסי אויסגעפונען אז קיידי איז געווען גערעכט. עס איז ביי איר מער ניט געווען קיין צווייפל, אז דער יונגער שטיינרייך קוקט אויף איר מיט באוואונדערונג. אז ער קען דארטן ניט איינזיצן אין זיין

אָפּים מיטן פֿאָטער, און אז אַלע פינף מינוט באַווייזט ער זיך און דרייט זיך אַרום בעסי׳ן ווי א בין אַרום א שמעקעדיקע בלום. מען האָט ליבט גע־קאָנט באַמערקן אין דעם יונגן שטיינרייכ׳ס פלוצלינגער מעלאַנכאָליע, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט א בענקשאַפט נאָך דער שלאַנקער און שיינער בעסי׳ן.

האָט געטראָפן אין א מיטאָג שעה, ווען די אַרבעטער זיינען זיך צו־גאַנגען, אָדער געזעסן אין די ווינקלען און געגעסן דעם מיטגעבראַכטן די־נער, און בעסי האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצואוויקלען זיך פון דעם זיי־דנס אין וועלכן איר שלאַנקע פיגור איז געווען איינגעוויקלט. איז דער יונ־גער שטיינרייך צוגעגאַנגען צו איר און א רוף געטאָן שטיל גאָר ניט ווי זיין שטייגער:

— אַנדזשעלינאַ.

בעסי האָט זיך א צאַפּל געטאָן.

— איך האָב אייך דערשראָקן אַנדזשעלינאַ, עס טוט מיר זייער לייד. איך האָב ניט געמיינט אייך איבערצושרעקן.

— איך האָב זיך ניט דערשראָקן — האָט בעסי זיך פאַרענטפערט און א טראַכט געטאָן: — „אוי, איך האָב זיך דאָך שיעור ניט פאַרמסר׳ט. איך טאָר זיך ניט פאַרלירן. איך קען זיך נאָך אַרויסגעבן״...

— איר זייט אַזוי שיין, אַנדזשעלינאַ — האָט דער יונגער שטיינ־רייך א זאָג געטאָן נאָך א קורצן שווייגן.

— איר מיינט אַזוי? — האָט בעסי אומשולדיק א פרעג געטאָן.

— יע. די טאָכטער פון רוים איז נאָך שענער פון דער גריכישער געטין ווענוס.

בעסי האָט א טראַכט געטאָן: „ווען ער ווייסט אַז איך בין א אי־

דישע, וואָלט ער אויך געזאָגט, אז די טאכטער פון ירושלים איז נאָך שע־
נער פון..."

— אנדזשעלינא, — האָט דער יונגער שטיינרייך איבערגעשלאָגן
אירע געדאנקן. — איך וועל אייך היינט אָוונט ארויסנעמען. מיר וועלן זיך
דורכפאָרן אין מיין מאשין.

בעסי האט געשוויגן, ניט געוואוסט אין דער מינוט וואס צו ענט־
פערן.

— איז וואס זאגט איר אנדזשעלינא?

— אויב אייך איז אנגענעם — האָט בעסי אראָפּגעלאָזן די אויגן.
אפשר מער צוליב דעם אז דער יונגער שטיינרייך זאָל אין זיי גאר ניט
אראָפּלעזן.

— איז אָפּגעמאכט?

— אז איר ווילט.

— ניין, ניט דאָס מיין איך אנדזשעלינא, ניט נאר איך דארף וועלן,
איר דארפט אויך וועלן. איצט רעד איך ניט ווי א באָס. איצט... נו, איך
דארף דאָך אייך דאָס ניט דערציילן.

„ער קען מיך נאָך וועלן אפפירן אהיים", לויפט בעסין דורך א
געדאנק, „און ער קען זיך נאָך אָנשטויסן, זיי וואוינען דאָך אין הארץ פון
אידישן געגנט".

— אפשר זאלן מיר דאָס אָפּלייגן אויף אן אנדערש מאָל — זאָגט
בעסי שטיל ווי פארשולדיקט.

— פארוואס אן אנדערש מאָל?

— היינט וועט מיר זיין שווער.

— דערפאר וויל מיט מיר, אנדזשעלינא? — האָט דער יונגער שטיינרייך איר אריינגעקוקט אין די אויגן און געווארט אויף אן ענטפער.

— ניין. ניט דערפאר.

— איז פארוואָס?

בעסי האט זיך מיט אמאָל א כאפ געטאָן:

— אוי, די גאנצע שעה איז שוין באלד אריבער און איך האב נאָך מיין דינער ניט געגעסן. די דעזיינערין וועט מיך דערהרגע'נען. עס איז דאָ אזוי פיל אנצומעסטן!

דער יונגער שטיינרייך איז אן אומצופרידענער אוועק. בעסי האָט א טראַכט געטאָן מיט טריאומף: „דערלעבט כאָטש א שטיקעלע נקמה"...

פון יענעם טאג איז בעסי'ן די ארבעט ניט געווען אזוי מאָנאטאן. דער יונגער שטיינרייך איז אפטער אויסגעוואקסן לעבן איר און איר אויך אָפט אריינגעשושקעט אין אויער: — איך האָב דיך ליב אנדזשעלינא. אנדזשל...

און אן אנדערש מאל איז ער צוגאנגגען נאָענט צו איר און זיך ממש געבעטן:

— אנדזשעלינא, פאָר מיט מיר היינט אוים. שוין אזוי פיל מאָל אַז איך בעט דיך. איז מוז, אנדזשעלינא, זיין מיט דיר אליין. איך קען דאך דאָ אין שאפ ניט אויסגיסן פאר דיר מיין הארץ. ווער ביסטו, אנדזשעלינא, וואס דו האָסט איבער מיר אזא קראפט, אזא כוח?... זאג פארוואָס שווייגסטו שטענדיק, האָסטו מיר גאָר ניט וואס צו זאָגן??...

אין אזא מאָמענט האט בעסי ניט פארגעסן אין דער צווייענדיקער ראָל וואס זי שפּילט. זי האט געהאט א סך צו זאגן און גאר ניט געזאָגט.

אין די אויגן האבן די טריאומפירנדע פייערלעך א גלאנץ געטאן און אויף די ליפּן האָט זיך א שמייכל צושפּילט. מען האט ניט געקאָנט וויסן צי דאָס איז א שמייכל וואס זאָגט גוטס אדער שלעכטס. צי איז דאָס א שמייכל פון אינערלעכע צופרידנקייט, צי גאָר פון חוזק אדער איראָניע. דער יונגער שטיינרייך האָט זיך ניט געקאָנט פארשווייגן:

— אנדזשעלינא, דו שמייכלסט אזא מאָדנעם שמייכל. איך קען דיך ניט באנעמען. ביסט א שטיק מיסטעריע. א פארשלאָסענער בוך.

„א בוך געשיכטע, טראגיש אידישע געשיכטע" טראכט בעסי און צווישן די דינע דורכזיכטיקע נערוועזע פינגער פאָלדעוועט זיך דער דינער זייד פון א צוגעשניטענער קלייד, וואס זי האלט אין די הענט. און נאך דער ארבעט ווען ביידע חבר'טעס זיינען נאָכאמאָל צוזאמען געגאנגען אהיים האָט קיידי ווי א מאמע אנגעשריען אויף איר חבר'טע:

— בעסי, פארוואס מאכסטו ניט א סוף. איך זע דאָך, און ניט נאר איך אליין, נאר אלע אין שאפּ זעען ווי ער קריכט דיר נאך און די שטייסט ווי א גולם און שווייגסט. רייס ניט איבער די שטריקל, בעסילע, וועסט פאר־לירן אן אוצר:

— איך וויים ניט וו אזוי מען פּלאָנטערט זיך ארוים פון דעם פּלאָנטער — זאָגט בעסי.

יע. עס איז אביסל א פּלאָנטער. ער מיינט אז דו ביסט א שיקסע. פונדעסטוועגן ווען עס וואָלט געווען אויף מיר, וואָלט איך שנעל זיך אויס־געפּלאָנטערט. איך וואָלט מיט אים אויסגעפּאָרן און וואָלט אים אלעס דער־ציילט.

בעסי טראכט א ווײַלע און זאָגט: — איך האָב פאר דעם מורא.

איך וועל בלייבן אין זיינע אויגן א ליגנערטע, וואס קען זיך פארשטעלן, פארמאסקירן, ער וועט דערנאך ניט האבן קיין צוטרויען צו מיר. דער צלם ביי מיר אויפן הארצן, קיידי, דאס איז דאך פארלייקענען זיך אליין, פארשטעלן זיך. פע, דאס איז מיאוס. איך האב אפילו זיך אליין פיינט פאר דעם.

— אָבער ער האט דיך ליב, און ליבע פארגיט אלעס. איז אלץ מוחל. האסט נאָך אפנים קיינמאָל ניט געליבט. ביסט נאָך מאקע יונג, האסט ניט געהאט ווען — האָט קיידי גערעדט אין טאָן פון א לעקציע.

בעסי האָט זיך פארטראכט און נאך א לענגערן שווייגן א זאָג געטאן.

— מיין נשמה, קיידי, דורשט נאך נקמה. עס איז אפשר גרויזאם אָבער אמת. עס טוט מיט מיט אליין ווי פאר דעם, וואס איך טראָג זיך ארום מיט אַזא געפיל. איך ווייס ער האט מיך ליב און פונדעסטוועגן קען איך דעם געפיל אין מיר ניט פארטרייבן.

— וואָס פאר א נקמה? — האָט קיידי אָנגעקוקט איר חבר׳טע ווי זי וואלט געווען געריִרט. — איך פארשטיי ניט.

— אודאי וועסטו ניט פארשטיין.

— אפשר, אז דו וועסט רעדן קלאָרע רייד וועל איך פארשטיין.

— די נקמה פאר צווינגען מיך טראגן א צלם אויפן הארצן. מיר דיר און טויזנטער אנדערע אידישע טעכטער, וואס זיינען פארשעמט און מוזן צו פארדינען דעם שטיקל ברויט טראגן דעם צלם אויפן הארצן. נקמה פארן פארשעמטן און שטענדיק דיסקרימינירטן אידישן פאָלק. און פון וועמען, פון א ברודער קעגן א ברודער. דיסקרימינאציע קעגן זיך אליין, קעגן מיינע קרובים, קעגן מיין פאָלק. קען נאך זיין עפעס טראגישעס פון דעם?

— מאכסט עס טראגישער ווי עס איז — איז די לייבטזיניקע קיידי געווען פארוואונדערט פון די רייד פון איר יונגער חבר׳טע.

עס איז א סך טראגישער ווי איך מאך עס קיידי, נאר דו באנעמסט עס ניט אקוראט. איך האב געלערנט געשיכטע, אידישע געשיכטע, איך בין זיצנדיק אין דער אידישער שולע דורכגעגאנגען דעם גאנצן אידישן גלות, איך האב מיטגעפילט מיט די אומגליקלעכע מאראנען, מיט די פאר־בארגענע אידן, און איך האב מיטגעקלאגט מיט די וואס האבן ניט געוואלט טראגן דעם צלם אויפ׳ן הארצן און אויסגעהויכט זייערע נשמות אויף די שייטערהויפנס. דערפאר טראג איך אזא פארדרוס, אזא ווייטאג אין זיך.

— איך זאג דיר, בעסי, שטעלסט א גרויס גליק איין אין קאן. קענסט נאך פארלירן, — האט קיידי ניט אפגעלאזן.

— א גרויס גליק — חזר׳ט בעסי איבער קיידי׳ס ווערטער. א קנויל געדאנקען האבן זיך געפלאנטערט ביי איר אין מוח און זי האט זיי ניט געקאנט אויספלאטנערן ניט פאר זיך און ניט פאר איר חבר׳טע.

— איך האב גארניט געוואוסט ביז אהער, אז דו ביסט אזא מאד־נער מענטש — האט קיידי א מאך געטאן מיט דער האנט, וואס האט גע־קאנט מיינען, ביזט א פארפאלענער מענטש און מער גאר ניט געזאגט.

אויף מארגן נאך דעם געשפרעך פון ביידע חבר׳טעס איז דער יונ־גער שטיינרייך באלד ווי ער איז אריין אין שאפ, ווי ער וואלט קיינעם ארום זיך ניט געזען, קיינעם ניט באמערקט, צוגעגאנגען צו בעסי׳ן און א זאג געטאן:

— היינט, אנדזשעלא, מוזטו מיט מיר אויספארן.

— איך מוז? האט בעסי מיט א פראגע צייכן א קוק געטאן אויף דעם יונגן שטיינרייך.

— איך מיין ניט צו זיין שטרענג, אנדזשעלינא, פאראן א געצוואונ־גענער מוז און א מאראלישער מוז. דאס איז א מאראלישער מוז. וועסט מוזן אויסהערן, וואס איך האב דיר צו זאגן. דא קען איך ניט. עס איז זייער וויכטיק. כמעט א לעבנס פראגע. ווי לאנג דענקסטו קען א מענטש אויס־

האלטן וואכעדיקע נעכט! אנדזשעלינא, איך ווער אויפגעגעסן פון א בענק־שאפט, איך ווער פארצערט. וועסט מיט מיר אויספּאָרן?

בעסי האט אָנגעקוקט דעם יונגן שטיינרייך. יע, זי האט געקאָנט גלויבן, זיין פּנים האט געטראגן אלע סמנים פון ניט דערשלאָפענע נעכט, פון ווייטאג, פון פארדרוס, און זיינע אויגן, זי האט נאך אזעלכע פייערלעך אין א מאנס אויגן ניט געזען. או די פייערלעך האָט זי דאך אָנגעצונדן! זי, בעסי, פארמאָגט די גבורה אָנצוצינדן אין דעם שטאלצן און יונגן שטיינרייך, וואס גיט אין שאפּ אויף קיינעם ניט א קוק. אזעלכע פייערלעך, וואס ברענען מיט א פארצערענדער ליידנשאפט, מיט א טיפער כמעט וואנזי־ניקער ליבע.

— אויב עס איז פאר אייך אזוי וויכטיק, איז ניטאָ קיין צוריקהאלט — האט זי ענדלעך ארויסגעזאגט.

— אָט אזוי, הער איך פון דיר כאָטש א וואָרט, — האָט דער יונ־גער שטיינרייך אויפגעקוואלן מיט א פרייד, — איז היינט נאָך דער אר־בעט, אפגעמאכט?

— אָפּגעמאכט.

נאָך דער ארבעט איז שוין דעם יונגן שטיינרייכ׳ס מאשין געשטא־נען און געווארט אויף בעסי׳ן.

ווען בעסי איז ארויס פון שאפּ און אריין אין מאשין האט דער יונגער שטיינרייך א טרייב געטאן די מאשין מיט אזא אימפעט אזש די מאשין האָט א שפרונג געטאָן. און אז מען איז אָפּגעפארן א שטיק וועג האָט די מאשין אנגעהויבן פאָרן פּאמעלעך און זיך מיט אמאָל א קער געטאן צום זייט און זיך אָפּגעשטעלט.

— אנדזשעלינא, — האט דער יונגער שטיינרייך אָנגעהויבן, ווען דער מאָטאָר איז שטיל געווארן — ווען דו ווייסט וואס פאר א גרויס פרייד דו פארשאפסט מיר איצט, דיין נאָענטקייט, דער זיין מיט דיר אליין!

— איך בין צופרידן, וואס איך קען אייך פארשאפן פרייד, — האָט בעסי נערוועז געצופּט דעם בענדל, וואס איז אראָפּגעהאנגען אויף דער זײַן פון מאשין.

— ווייסט וואס איך האָב באשלאָסן, — האָט דער יונגער שטיינ־רייך א זאָג געטאָן.

— פון וואנען זאָל איך וויסן, וואס איר האט באשלאָסן? — האט בעסי געקוקט דורכ'ן פענסטערל פון מאשין אין דעם וויטן דרויסן ארויס.

— אנדזשעלינא, וואס וואָלסטו געזאגט, ווען איך זאָג, אז איך וויל מיט דיר חתונה האבן — האָט דער יונגער שטיינרייך א זאָג געטאָן מיט א ציטער אין זײַן שטימע.

— איך וואלט געזאגט, אז עס איז א נארישקייט.

— פארוואָס א נארישקייט? — איז דער יונגער שטיינרייך געבליבן זיצן שטייף פון בעסי'ס ענטפער.

בעסי האט נאָכאמאָל איינגעשטעלט. ניט געוואָלט ארויס פון דער ראָל פון א טאכטער פון אן אנדער גלויבן. עס האט זיך איר געוואָלט א שפּיל טאָן מיט'ן שיקזאָל פון דעם מענטשן וואס זיצט דאָ לעבן איר. און אפילו מיט איר אייגענעם שיקזאָל. עס האט זיך איר ווי אן איינגע'עקשנ'ט קינד געוואָלט א שפּיל טאָן מיט'ן פייער ביז די אייגענע הענט וועלן אפּ־ברענען... דער פייער פון נקמה וואס קען פארצערן אי זיך אי יענעם... זי האָט א זאָג געטאָן:

— ווייל איר ווייסט דאך, די רעליגיעס... בעסער קלייבט זיך אויס איינע פון אייער רעליגיע... איר וועט זײַן גליקלאכער...

— און א גאנץ לעבן חלום'ען פון דיר. שלאָפן מיט יענער און טראכטן פון דיר. דענקסטו, אז דאס וועט מיר ברענגען גליק? — האט דער יונגער שטיינרייך גערעדט מיט ווייטאג.

— „און וואס וועט זאָגן אייער פאָטער?״ — האָט בעסי א פרעג געטאָן, און בשעת מעשה געטראכט: „אוי, צוליב וואָס טוט זי דאָס, ווי אזוי וועט זי זיך דערנאך ארויספּלאָנטערן? און ווי ווייט קען מען טרייבן א שפּיל אין נקמה?

— מיין פאָטער, — האָט דער יונגער שטיינרייך זיך נערוועז א דריי געטאָן אויף זיין זיץ און מעכאניש געגלעט דאָס רעדל פון דער מאשין — יע, מיין פאָטער, דו ביסט גערעכט. איך האָב מיט אים נעכטן געהאט א געשפּרעך איבער דעם. ער איז געוואָרן אויפגעקאָכט, אז איך האָב אים דערמאָנט אז איך וויל חתונה האָבן מיט דיר. ער איז געוואָרן אזוי אויפ־גערעגט, איך האָב געמיינט, אז ער וועט קריגן די אפּאָפּלעקציע. מיין פאָטער, אנדזשעלינאַ ליידעט פון א הויכן בלוט דרוק און אויפרעגן איז פאַר אים סם. — אז ער האט פארגעוואָרפן דעם פאָטער פארוואס ער שלעפּט נאָר ארויף שיקסעס אין שאָפּ און לאָזט ניט א אידישע טאָכטער ארויף אויפ׳ן שוועל, און אז דער פאָטער האט אים געענטפערט, אז דאָס איז ביזנעס און ער דאַרף זיך אין דעם ניט מישן, דאָס האט ער איר ניט דערציילט. — און מיינסט, אנדזשעלינא, איך בין אויף מיין פאָטער גאָר ניט ברוגז. איך פארשטיי אים. מיין פאָטער איז א פרומער איד.

— א פרומער איד? — האָט עס בעסי׳ן אזש א הויב געטאָן פון זיץ.

— וואס וואונדערסטו זיך אזוי. ביי אונזערע זיינען פאראן א סך רעליגיעזע, וואָס דינען גאָט מיט׳ן גאנצן הארצן.

„מיט׳ן גאנצן הארצן?״ האָט בעסי אים נאָכגעקרימט אין די גע־דאנקען. „א פרומער איד מיט׳ן גאנצן הארצן און צווינגט אידישע טעכ־טער צו טראָגן א צלם אויפ׳ן הארצן. וואס פאַר א טראגישע ווידערשפּרוכן דער לעבן פארמאָגט. אָבער געזאָגט האט זי גאָרניט.

— איז וואס זאָגסטו, אנדזשעלינאָ?

— איך זאג — האָט בעסי געענטפערט מיט טראָציקער עקשנות — אייער פאטער קען נאך קריגן די אפּאָפּלעקציע.

איך רעד איצט ניט פון מיין פאָטער, איך פרעג ביי דיר אן אנדער זאַך, אויב דו שווייגסט, ווייס איך דעם ענטפער. איך זאָג דיר, אנדזשע־לינא, איך בין פאר זיך אליין ניט פאראנטוואָרטלעך.

און אז בעסי האָט געשוויגן האָט דער יונגער שטיינרייך גערעדט מיט פארשטיקטער אויפרעגונג — אויב איך וועל ניט באגיין זעלבסטמאָרד, אנדזשעלינא, וועל איך אראָפּ פון זינען. איך זאָג עס דיר פארויס און מיין פּאָטער וועט אויך וויסן פון דעם — און ווידער נאָך א קורצן שווייגן — זע, אנדזשעלינא, איבער א גאנצן שאָפּ בין איך באלעבאָס, מיין ווארט איז הייליק, און פאר דיר בין איך א שמאטע, א נישטיקע בריאה — און מיט אמאָל האט ער א כאַפּ געטאן איר האנט און ארויסגעקרעכצט מיט פּיין — אנדזשעלינא, פאר וואס האָסטו ניט געקאָנט זיין א אידישע! אלץ וואָלט דאָך געקענט זיין אזוי איינפאך — דו — מיין פאָטערס לעבן — איך וויל אויף מיין געווויסן ניט האָבן קיין מאָרד — פארוואס, אנדזשעלינא קלייבט דער שיקזאל אוים פאר דעם מענטשן אעזלכע דארנדיקע, אזעלכע בלוטיקע וועגן? איך האָב געלט, אנדזשעלינא, איך האָב אלעס, און דו ביסט געקו־מען — און מיין פאָטער — איר פאר׳סמ׳ט מיר דאָס לעבן!

בעסי׳ס הארץ, בעסי׳ס נשמה, אלץ אין בעסי׳ן האט איופגעציטערט מיט רחמנות, מיט ליבע צו דעם יונגן שטיינרייך, צו דעם מענטשן וואס האָט זי אזוי ליב. זי וואָלט איצט גערן צוגעלאָפן צו זיין הארצן און ארויס־געקושט זיינע אויגן, וואס וויינען אָן טרערן, וואס בעטן זיך ביי איר רחמים. צו דעם מענטשן וואס דאָס גליק שטייט אים פאר די אויגן און ער זעט דאָס און ווייסט דאָס ניט... גענוג זיך געלאָזט פירן פון דער נקמה — פון ווע־מען קען זי נאָך וועלן נקמה, פון א פארצווייפלטן מענטשן? צי אפשר פון זיך אליין?

בעסי וויל אָנהויבן רעדן, נאָר זי ווייסט ניט ווי אזוי און פון וואנען אָנצופאנגען. ווען עמיצער לייגט איר אין מויל אריין ווערטער, זי זאָל זיך קענען אויספּלאָנטערן...

בעסי האָט איר געדאנק ניט דערפירט ביז׳ן סוף. דער יונגער שטיינ־

רייך האט מיט א מאָדנער אויפרעגונג מיט אמאָל זיך א שטעל געטאָן אויפ׳ן „סעלף סטאַרטער״ און די קאר האט ממש געגומען פילען אין דער לופטן.

„ער וועט אונז ביידן אומברענגען!״ איז בעסי׳ן דורכגעפלויגן אין געדאנק: — איך בעט אייך, באַרואיקט זיך — האט בעסי געזאָגט מיט א ווייכקייט, וואס איז אריין אין געוויין.

אָבער דער יונגער שטיינרייך איז געווען אויפגערעגט:

— איך פיר אייך אפ אהיים — האָט ער א זאָג געטאָן, און אין זיינע ווערטער האט זיך געפילט אַן אויפגערייצטער עקשנות פון א מענטשן וואס איז פארצווייפלט און איז פאר קיין זאך ניט פאראנטווארטלעך.

— אויב איר פילט אזוי, קענט איר מיך אפפירן אהיים — האָט די סענטימענטאלע בעסי באַגריפן דעם יונגן שטיינרייכ׳ס אויפגערייצטן געמיט און פארבויגן דעם אייגענעם שמאָלץ.

דעם גאנצן וועג צו איר אהיים האבן ביידע געשוויגן. עס איז געווען א פיינלעכער שווייגן אבער קיין ווערטער זיינען ניט ארויסגעקומען. נאר ווען דער יונגער שטיינרייך איז מיט זיין מאשין געבליבן שטיין ביי בעסי׳ס הויז האָט בעסי א זאָג געטאָן:

— איר זייט ניט ברוגז אויף מיר!

— ניין, ניט אויף אייך, אויף זיך אליין.

און אז בעסי איז געבליבן שטיין פאר איר הויז און דעם יונגן שטיינרייכ׳ס מאשין האט זיך אוועקגעלאזט מיט א כריפ און געוויין, ווי בעסי׳ן האט זיך געדאכט, — איז איר מיט אמאָל באפאלן א חרטה. זי האט ניט געדארפט איצט אים איבערלאָזן אליין. געדארפט אים צוריקהאלטן. און קיידי׳ס ווערטער האבן איר א פיק געטאָן אין מוח: „איך האב גארניט

געוואוסט, בעסי, אז דו ביסט אזא מאָדנער מענטש" און קיידי איז געווען גערעכט. זי איז דאָך טאקע אזא מאָדנער מענטש.

ווען בעסי איז אויף מאָרגן געקומען אין שאָפּ, איז דער שאָפּ גע־גאנגען אויף רעדלעך. קיידי איז גלייך צוגעלאָפן צו בעסי'ן און מיט אן אויפגערעגט פארפלאמט פנים איר דערציילט, אז דער יונגער שטיינרייך האָט זיך אריינגעשאָסן א קויל אין קאָפּ. עפּעס האבן זיך דער יונגער מיט'ן אלטן שטיינרייך צעווערטלט האָט דער יונגער שטיינרייך זיך אריינגעשאָסן א קויל אין קאָפּ פאר דעם אלטן שטיינרייו'ס אויגן. גליקלעכערווייזע איז די קויל ניט אריין אין מארך, נאר איז ארוים אין א זייט קאָפּ. נו, בעסילע, האָב איך דיר ניט געזאָגט, וועסט פארשפּילן — האָט קיידי פארענדיקט מיט טריאומף.

— פון וואנען ווייסטו דאָס אלץ — האָט בעסי זיך א כאַפּ געטאָן אָן קיידי'ן כדי ניט אומצופאלן.

— די מאָרגנצייטונגען. די גאנצע שטאָט ווייסט דאס — האָט קיידי געענטפערט.

אין בעסי'ס מוח איז נאָכאמאָל דורכגעלאָפן דער לעצטער געשפּרעך מיט דעם יונגן שטיינרייך און אין איר האט ניט אויפגעהערט שרייען: „פארוואָס האָט זי עם געלאָזן ציען אזוי לאנג? פארוואס האט זי אים דאן אויפ'ן אָרט ניט דערציילט דעם אמת? פארוואס? פארוואס!"

זי האט געוויינט אין זיך. עס איז געווען א געוויין אָן טרערן. א פארצווייפלטער שטומער געוויין וואס נאָר די אייגענע נשמה קען דערהערן.

צום סוף האט זי אנטשלאָסן א זאָג געטאָן:

— קיידי, איך מוז גיין אהין!

— וואוהין? — האָט קיידי געפרעגט פארוואונדערט.

— צום יונגן שטיינרייך.

— אזוי — האָט קיידי א זאָג געטאָן — איך מוז צוגעבן, דו האָסט ספּאַנק.

— ליבע איז געוואַגט — האָט בעסי געזאָגט פאַרטרוימט.

— אוי, זאָל איך שטאַרבן אויב איך פאַרשטיי דיך —האָט קיידי פאַרגעסן, אז זי געפינט זיך אין שאַפּ צווישן מענטשן — אוי, סאַרא מאָדנע וועלט מיט מאָדנע מענטשן!

בעסי איז ארוים פון שאַפּ און איבערגעלאָזט קיידי׳ן א דערשטוינטע מיט אן אָפענעם מויל.

ווען די דינסט האט בעסי׳ן אריינגעפירט צו דעם אלטן שטיינרייך אין דעם גרויסן זאַל מיט דעם ווייכן טערקישן טעפּיך און מיט די פיין געשניצטע מעבל, האָט בעסי דערפילט א מאָדנעם רחמנות אויף דעם מענטשן וואס זיצט איינגעקאָרטשעט, מיט א פינסטערן פּנים, ווי די זון וואָלט אים אונטערגעגאַנגען. עפּעס האט זי ניט דערקאַנט אין אים, דעם אלטן שטיינרייך וואס גייט שטענדיק דעם קאָפּ געהויבן, שטאָלץ און גלעט זיך א צופרידענער די קמץ בערדל. איצט איז פאר איר געזעסן א מענטש א צעבראָכענער, אן ענטוישטער און א פאַרביטערטער.

ווען דער אלטער שטיינרייך האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי אָנגעקוקט מיט זיינע ניט דערשלאָפענע און מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן, האָט ער א טראַכט געטאָן: „זי איז דאָך דאָ, אליין געקומען!” און אלץ ניט אראָפּגענומען די אויגן פון איר.

ביי בעסי׳ן האט א ווינקל מויל א ציטער געטאָן און ווי עס טרעפט אמאָל אין אן אומגעוויינלעכן מאָמענט, אדער מען פאַרלירט זיך און מען ווערט איינגאַנצן אפּהענדיק, אדער מען קריגט מוט און מען טוט אפּ אויסערגעוויינלעכעס. אין דעם פאַל האָט בעסי געקראָגן אומגעוויינלעכן מוט און א פרעג געטאָן אין פּראָסט מאמע לשון:

— וואס מאַכט אייער זון?

דער אַלטער שטיינרייך האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער ווייכער שטול און אַנגעשטעלט אויף איר זיינע גרויסע מיט די בלוט פאַרלאָפענע אויגן און אַרויסגעכריפּעט פאַרשטיקט און הייזעריק:

— הא, וואָס! וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך האָב געפרעגט, וואָס מאַכט אייער זון — האָט בעסי נאָכאַמאָל געזאָגט אין ריינעם אידיש.

— וואָס, דו רעדסט אידיש? ביסט גאָר אַ אידישע טאָכטער! און דעם צלם וואָס דו האָסט אויף זיך געטראָגן. איך זע עס מער ניט אויף דיר? — האָט דער אַלטער שטיינרייך אַ געפּלעפטער געקוקט אויף בעסי'ן, און אין זיינע אויגן איז געווען געבעט: זאָג יע, זאָג, אַז דו ביסט אַ אידישע!

כאָטש בעסי איז אַליין געווען צערודערט און מיט די געדאַנקען איינגעאַנצען געווען דאָרטן ביי דעם יונגן שטיינרייך, האָט אָן איינגע'עקשנ'טער געפיל זי פאָרט ניט אָפּגעלאָזן. עס האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט אַריינזאָגן דעם מענטשן וואָס שטייט פאַר איר דאָ, דעם אמת, וואָס זי טראָגט ביי זיך פון זינט זי האָט אָנגעטאָן דעם צלם אויפ'ן האַרצן. אָבער איר שכל, איר איינגעבוירענע אינטעליגענץ האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אין אַ צייט ווען אַ מענטש איז פאַרצווייפלט טאָר מען אים ניט שטראָפן און דערפאַר האָט זי שטיל און קענן איר אייגענעם ווילן אַ זאָג געטאָן:

— דער צלם... איך בין געווען געצוואונגען צו דעם... איך האָב מיט דעם געשפייזט אַ גאַנצע פאַמיליע...

דער אַלטער שטיינרייך האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאַר, עס הייסט, אַז זי האָט זיך נאָר פאַרשטעלט... דער צלם איז נאָר געווען אַן אָנשטעל. אין דער אמת'ן... ווי אַ צעדולטער האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען הין און צוריק איבער דעם ווייכן טעפּיך פון גרויסן, געריימען זאַל און גע'טענה'ט:

— איז פאַרוואָס האָסטו פריער ניט אויסגעזאָגט פאַרוואָס האָסטו

געווארט אזוי לאנג? ווען איך ווייס פריער אז דו ביסט א אידישע טאכטער, ווען איך ווייס דאָס!

אין בעסי'ס אויגן האט נאָכאמאָל א פלאם געטאָן דער בייזער פייער פון נקמה. עס האט איר א ברי געטאָן: „ווען ער ווייסט פריער... פאר וואָס לאזט ער א אידישע מיידל ניט ארייגשטעלן א פוס אין זיין שאפ!... און ער מאָנט נאָך!..."

אָבער דער אלטער שטיינרייך האט זיך ניט אָנגעשטויסן אויף בעסי'ס געדאנקען. ער האט ניט אויפגעהערט ארומשפאנען איבערן גרויסן זאל. נערוועז געצופט די קמץ־בערדל און געגעדט אין גרויסן זאל ארײן:

— איי, איי, האָסט דאָך מיר געקענט אוועק'פטר'ן דעם זון. און וואס וואלט איך דעמאָלסט געהאט... גיי ריכט זיך... גאָר א אידישע טאכטער...

און מיט אמאָל האט זיך דער אלטער שטיינרייך אפגעשטעלט פאר בעסי'ן. זיך אויסגעגלייכט, איז צוריק געווארן דער שטאָלצער שטיינרייך. אין איין קורצער ווײלע האט דער פארצווייפלטער פנים זיך אויסגעלייטערט. ער האט זיך דערפילט ווי איינער וואס איז נאר וואס געהאנגען און זיך געוויגט איבער א טיפן אפגרונט און מיט אמאָל געפינט ער זיך מיט זיבערע טריט אויף דער הארטער ערד... און מיט דעם זעלבן אויסדרוק אויף זיין פנים האט ער פרום און מיט עקסטאז א זאָג געטאָן:

— אי, טאכטער, גאָט קען טאן אזעלכע נסים, גאָר ניט משער צו זיין!... אזעלכע ניסם!...

אין דעם מאָמענט איז די אלטע מיסעס שטיינרייך ארויסגעקומען פון דעם קראנקן זונס צימער. זי איז געווען א פרוי פון א יאָר פופציק. אויף איר פנים איז ניט געווען קיין סימן פון רייכטום. עס האבן זיך ניט געבאָמאלט קיין בריליאנטענע אויררינגלעך אויף אירע אויערן, און זי איז ניט געווען באהאָנגען מיט גאָלד, זילבער און פערל. עס איז געווען א פראָסט

פשוט'ער פנים פון א מענטשן וואס ווייס ניט ווי אויסצונוצן דעם גרויסן רייכטום וואס זי פארמאגט... א פנים וואס מען טרעפט זעלטן ביי די רייכע יחסנים... דער אלטער שטיינרייך האט זיך א קער געטאן צו איר:

— סערע, דו ווייסט ווער דאס איז?

די מיסעס שטיינרייך האט פארזשורעט די אויגן, באטראכט בעסי'ן און א זאג געטאן:

— וואס איז זי, געקומען אליין, מסתמא, איך בין שוין געווען גרייט צו איר צו גיין...

— פארשטייסט ניט, ווייב, פארשטייסט ניט, — האט זי דער מאן איבערגעשלאגן מיט התפעלות. — זי איז דאך גאר א אידישע טאכטער! הערסט וואס איך רעד צו דיר, א אידישע טאכטער! וואס קוקסטו מיך אזוי אן, איך בין נאך דערווייל ניט משוגע!

א מינוט איז די מיסעס שטיינרייך געשטאנען מיט אן אפענעם מויל אואן מיט גרויסע אויגן, און מיט אמאל האט איר צעקרימטער פנים אויפגעלויכטן און מיט די ווערטער: „הא, טאקע א אידישע טאכטער!” איז זי א פאל געטאן צו בעסי'ן און נאס געמאכט בעסי'ס פנים מיט אירע טרערן.

דער אלטער שטיינרייך האט זיך אומבאמערקט ארייגעשארט אין זונ'ס צימער. און אז די מיסעס שטיינרייך האט זיך בארואיקט פון דער פלוצלינגער נייעס האט זי זיך געזעצט אויף דער ווייכער סאפע, געהייסן בעסי'ן זיך זעצן לעבן איר און נאכאנאנד גערעדט:

— אזוי, ביסטו גאר א אידישע טאכטער? איז ווער זשע זיינען דיינע טאטע מאמע, מסתמא ערלעכע מענטשן. אוי, טייערינקע, דייוו האט דאך אזויפיל דערציילט פון דיר. ער זאגט דאך אז דו ביסט גאר א צנועה, און דו נעמסט און פארשטעלטסט זיך גאר. נאר מיינסט איך האב אזא גראבן קאפ, איך פארשטיי ניט אז ער, מיין מאן איז אין אלץ שולדיק. פון זינט איך האב זיך דערוואוסט אז ער נעמט ניט ארויף אין שאפ קיין אידישע

מיידלעך, טענה איך דאָך צו אים: „נייטן, דו פארשעמסט די אידישע טעכ־טער, וואָסי זיי דארפן ניט לעבן, זיי דארפן זיך ניט קליידן? נייטן, זאָג איך צו אים, ביסט דאָך אַ פרומער איד, דער אויבערשטער פארלאנגט דאָס ניט. ער וויל ניט אזא פרומקייט, ער וויל גערעכטיקייט, יושר. נייטן, דער גאָט פון ישראל וועט דיך אמאָל שטראָפן פאר די אידישע טעכטער וואס דו פארשעמסט. און ער טענה'ט זיינס, עס איז ניט קיינעמס עסק. ער וויים וואָס ער טוט. אוי, טייערינקע, אַ מענטש איז דאָך אלעמאָל אזוי געגארט, מיינט אז ער איז קלוג און ווייסט וואס ער טוט. אָבער איצט ווייסט ער שוין בעסער. איצט האָט ער חרטה. ער איז דאָך, טייערע די גאנצע נאכט ארומ־געגאנגען און געוויינט און גע'טענה'ט אז דאָס שטראָפט אים גאָט... ער האט דאך געשווארן, געגעבן א נדר, אז אויב דייוו וועט געזונט ווערן, וועט ער אלע אידישע מיידלעך ארויפנעמען אין שאָפּ ארבעטן. אַ מענטש, ליבינ־קע, דארף ניט האבן קיין סך. ער דארף נאר קריגן פון לעבן עפּעס א שטאר־קן שטויס, אדער דער טויט זאל זיך אוועקשטעלן פאר די אויגן אין דער גאנצער פארגאנגענהייט. אלע אָפּגעטאָענע עוולות באפאלן און מאנען גערעכטיקייט.

און אז בעסי האט געשוויגן, געקוקט פאר זיך פארטראכט, ווי זי וואָלט גאָר ניט געהערט, וואס מען רעדט צו איר, האט די מיסעס שטיינרייך עס באמערקט און זיך אָנגערופן:

— איך פארשטיי וואס דו טראכסט. אָבער איצט דארפסטו אויף אים מער קיין פאראיבל ניט האבן. ביסט א מיידל, האָסטו מסתמא ניט גע־לערנט, ווייסט ניט, אז וואו א בעל תשובה שטייט קען אַ צדיק ניט צוקומען. צו אפשר זאגט מען דאס אנדערש. איך בין נאָר א אידענע... — און מיט אמאָל האָט זי זיך אליין איבערגעשלאגן: — אוי, וואס זיצן מיר, מען דארף דאָך גיין אנזאגן דייוו'ן, ער איז דאך שוין איבער דיר א האלב צעדולטער. דו מיינסט אים איז גוט געווען. ער האט אזש געוויינט, מאמע, זאָגט ער, איך וויל דיך ניט פארשעמען, איך וויל דיר ניט אָנטאָן קיין יסורים, אָבער אין מיר מאמע איז אריין א דיבוק. איך וועל ניט קענען לעבן אָן איר. אזוי ליבינקע, אָט מיט די ווערטער רעדט ער צו מיר, און מיר איז אזוי פינס־טער, ביטער אויפ'ן הארצן, איך בין דאך א מאמע. איך וויל דאך אים ניט

פארלירן. דארף איך נאר אים טרייסטן: וואָס איז, זאָג איך, פאראן וואוילע שיקסעס אויך, מען קען מיט זיי אָפּלעבן א לעבן און זיין גליקלעך. הערסט, אזוי רעד איך. און ביי מיר גיסט זיך בלוט פון הארצן, וואס הייסט, איך וויל דען פאר מיין זון אשיקסע! און דו מיינסט מען קען צו אים האבן טענות, יונג בלוט, און דו ביסט דאך טאקע אזא שיינע. אָבער — האָט זיך די מיסעס שטיינרייך מיט אמאָל אָפּגעשטעלט. — וואָס נארישקייטן איך האָב שוין אָנגערעדט. קום, איך וועל דיר אריינפירן צו דייוו'ן.

און אז מיסעס שטיינרייך האט גענומען בעסי'ן פאר א האנט און זי געפירט צום קראנקן זון, האט בעסי געמאכט וואקלענדיקע טריט, ווי זי וואָלט ניט געגאנגען אויף א וויכן טעפיך וואס איז געלעגן אויף א דיל פון הארטן האלץ, נאָר ווי זי וואלט געשפאנט אויף א דין אָנגעצויגענעם שטריקל. און אָט איז זי געשטאנען פאר דעם יונגן שטיינרייך מיט א צע־טומלטן שמייכל אויף די ליפּן און אז זי האט א קוק געטאָן אויף דעם באנדאזש וואס איז געווען ארומגעוויקלט ארום זיין קאָפּ און געבלאנקט מיט ווייסקייט, וואס האָט אזש געריסן די אויגן און ענג געמאכט דאס הארץ, זיינען צוויי גלאנציק פּערלדיקע טרערן געבליבן הענגען אויף אירע לאנגע שווארצע וויעס, און ווען זי האט זיך ארומגעקוקט, נאָך אלץ מיט צעטור־מלטע בליקן, איז שוין אחוץ דעם יונגן שטיינרייך וואס איז געלעגן צוגע־דעקט מיט א בלוי זיידענעם צודעק, קיינער ניט געווען.

דער יונגער שטיינרייך האט א הויב געטאן דעם איינגעווייסן באנדא־זשירטן קאָפּ און שטיל, כמעט אומהערבאר געזאָגט:

— גוט, וואס דו ביזט איצט געקומען... איך בין דיר פאר דעם זייער דאנקבאר. —

— איך בין אומדאנקבאר, — האָט בעסי אויך שטיל געזאגט.

— דו ביסט ניט שולדיק אנדזש... איך מיין בעסי.

— וואס איר ווייסט שוין?...

— איך ווייס שוין אלץ. דער פּאַ איז דאָ נאָר וואס געווען, ער האָט מיר אלץ דערציילט. עס איז אלץ אזוי וואונדערלעך, בעסי.

— וואונדערלעך, — האָט בעסי נאָכגעזאגט פארטראכט.

— זאָג בעסי, אז דאָס איז ניט קיין חלום... אז דאָס איז וואָר... זאָג—

— וואָר — האָט בעסי געזאגט ווי אין חלום.

— איך וועל דיך מאכן גליקלעך, בעסי. איצט איז ניטאָ מער קיין שטער, וועסט זיין רייך, וועסט ווערן די באלעבאָסטע פון גאנצן שאפּ. דארפסט נאָר וועלן.

— איך וויל ניט זיין רייך, איך וויל ניט זיין די באלעבאסטע, איך וויל נאר זאָלסט געזונט ווערן — האָט בעסי זיך ווי געבעטן.

— איך וועל ווערן געזונט. דער דאקטאר זאָגט עס איז א לייכטע וואונד, עס וועט זיך גיך פארהיילן.

דער יונגער שטיינרייך האט אויף א מינוט צוגעמאכט די אויגן, זיי באלד געעפנט און געזאגט מער צו זיך ווי צו בעסי'ן:

— איך טראכט, וואס וואלט געווען ווען איך שטארב טאקע אוועק. איך וואלט זיך דאך קיינמאל ניט דערוואוסט פון מיין גרוים גליק... פון...

מער האָט בעסי ניט געקאָנט אויסהאלטן.

זי איז א פאל געטאן צום יונגן שטיינרייך, אים אויסגעקושט די אויגן, דעם פּנים און דערביי געפליסטערט:

— דייוו, דייוו, איך האב דיך ליב. ווי אזוי האָב איך געקאָנט דער־לאזן צו דעם... ווי אזוי...

א צעשטרייטער האט דער יונגער שטיינרייך מיט זיינע ציטערדיקע

הענט ארומגענומען בעסי׳ס פארפלאמט פנים און גערעדט שטיל און אין עקסטאז:

— אלץ איז אזוי אומגלויבלעך בעסי, אזוי פאנטאסטיש וואונדער־לעך! מיט א שעה צוריק איז אין מיין הארץ געווען אזא פינסטערניש, אזא האפנונגסלאזער חושך, איצט ביסטו געקומען צו מיר מיט ליבע. איך דער־קען עס אין דיינע אויגן, אין דיין פנים, און דערצו ביסטו א אידישע. בעסי, וואס פאר א גרויסע פריידן דאס לעבן פארמאגט! וואס פאר א סורפרייזן!

ביי בעסי׳ן האבן טרערן א שפאר געטאן פון די אויגן און פריי אראפגערונען אויף דעם יונגן שטיינרייכ׳ס הארצן.

שעה׳ן שפעטער, ווען בעסי איז ארויס פון צימער וואו דער יונ־גער שטיינרייך איז געלעגן, זיינען די טרערן אויף איר פנים געווען אויסגע־טריקנט. די אויגן האבן געלויכטן מיט ליכטיקע פייערלעך, און ווען דער שאפער האט זי געפירט אהיים אין שטיינרייכ׳ס גרויסער מאשין, האט זיך איר געדאכט אז זי שוועבט אין דער לופטן מיט א פולער הארץ אנגעקוואלן מיט גרעניצלאזער פרייד.

ווען א מאמע שטארבט

(אויף מיין מאמעס פרישן קבר)
ניט באוויין אזוי
ביטער דעם טויט,
וואויל איז דעם ווער
עס שטארבט יונגערהייט.
(נעקראסאָוו).

ניט באוויין אזוי ביטער דעם טויט! ניט באוויין, ווען דו זעסט, אז אויף דער ערד אין א קאסטן ליגט אטעמלאז, מיט א וואקסענעם פּנים דאָס וואס דיר איז אזוי ליב און טייער, און דו ווייסט, אז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואס דו קוקסט אויף דעם געזיכט, און מער וועסטו עס שוין קיינמאָל ניט זען. דער מענטש וואס האט מיך מיט ניין און פערציק יאר צוריק ארויסגעלאָזט פון איר אינגעווייד. מיך דערנאך געוויקלט אין ווינדעלעך. מיט גרענעצלאזער ליבע מיך געטוליעט צום הארצן און מיך באשאָטן מיט הונדערטער, מיט טויזנטער קושן, מיך אנגעוויגט אין וויגעלע און מיט אזוי פיל ליבע און חן געזונגען: „אונטער סליימעס וויגעלע, סטייט א ווייסע ציגעלע". און איך, א פּיצל עופ'עלע, האָב געקוקט אויף דעם שטראלנדיקן געזיכט און האב ניט פארשטאנען, אז די גרויסע ליבע וועט מיט מיר מיטגיין אין מיין גאנצן ווייטערדיקן לעבן.

מיט דער מאמען איז דאך פארבונדן מיין יוגנט. די שצעדרינער וועלדער מיט די הויכע בעריאָזנע בוימער וואס די שפּיצן דערגרייכן אזש אין די וואלקנס אריין. און אפילו די שצעדרינער בלאָטעס, וואס טליען נאָך היינט אין הארצן מיט דער זונדערבארער פרייד פון א יונגן אינגל. און אחוץ

איר גרויסער ליבע צו מיר איז זי דאך שטענדיק געווען מיין באַשיצערין. עפּעס וואו אַ צרה האָט מיך די מאַמע געהאַלטען אויף די הענט, מיך געטו־ליעט צו זיך און אויסגעשפּייט עין הרע: „טפו, טפו, מיר פאַר דיר מיין קינד, מיר פאַר דיר".

און אז דער טאַטע האָט מיט מיר געלערנט חומש און געגעבן פּעטש פאַר ניט וויסן א טייטש איז די מאַמע באַלד אויסגעוואַקסן:

„מייסע, (משה) סלאַג ניט, מייסע".

וואו א דראָענדע געפאַר האָט עס דער מאַמעס האַרץ באַלד דער־פילט און געקומען זיך איינשטעלן, באַשיצן.

און אז איך בין שוין גרעסער געוואָרן און געשטאַנען אויף דער באַן, געדאַרפט זיך לאָזן אין דעם וייטן לאַנד אמעריקע, האָט די מאַמע מיט טרערן אָנגעזאָגט:

„זאָלסט היטן דיין געזונט, הערסט, זאָלסט היטן!"

אָט אזוי, אומעטום די מאַמע. שטענדיק געטריי, מיט ליבע, מיט זאָרג. און ניט נאָר די קינדער האָט די מאַמע ליב געהאַט, נאָר דעם טאַטען — איר מאַן, אויך.

ער, דער טאַטע, איז געווען פאַר איר, דער שענסטער און דער קלוגסטער.

זעקס און זעכציק יאָר האָט די מאַמע אָפּגעלעבט מיט דעם טאַטן

און אין די יאָרן וואס איך געדענק, האָט די מאַמע קיין איין קרום וואָרט דעם טאַטן ניט געזאָגט. שטענדיק צנועה'דיק, ווייך און גוטמוטיק. נאָר איינמאָל איז די מאַמע יע ברוגז געוואָרן אויף דעם טאַטן: דאס איז געווען דערפאַר ווייל דער טאַטע האָט ניט געוואָלט ווערן קיין רב אין א שטעטל.

מען האָט דעם טאַטן געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב, נאָר דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט.

— אַ רב — האָט ער געזאָגט, — אַן אמתער לעבעדיקער רב איז שווער צו זיין, ווייל ער דערפאַר קיין רב ניט זיין.

איז די מאַמע אמת ברוגז געוואָרן. אַ קלייניקייט אַ רב! און ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל ניט.

די מאַמע איז אויך געווען אַן אשת חיל. זי האָט געקאָנט טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה, ווען עס איז נאָר געווען נויטיק, ווען דער טאַטע האָט ביי מלמדות ניט פאַרדינט גענוג. די מאַמע האָט געקאָנט נעמען אַ פּאַק סחורה אויף אירע פּלייצעס און זיך אַוועקלאָזן איבער די נאָענטע דערפער פאַרקויפן און טאַקע געקומען צוריק מיט אַ וואָגן אָנגעלאָדן מיט כל טוב, פון קאַרטאָפליעס ביז מעל, ניט איינמאָל בין איך מיט דער מאַמען מיטגע־פאָרן איבער די דערפער, און איר געהאָלפן האַנדלען.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַל, ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אין ראַ־קאַטשאַוו קנעלן מיט אייניקלעך. מיר האָבן דאַן געוואוינט אין שצעדרין אין אַן אָרימער כאַטע. כמעט אַ חורבה, און ווען דער טאַטע איז סוף זמן גע־קומען צוריק האָט ער געפונען אַ נייע הויז. ער האָט זיך געוואונדערט: „חנה, וואו האָסטו גענומען די הויז?

„וואָס הייסט וואו", האָט די מאַמע געענטפערט. „וואָס הייסט וואו, בויער האָבן אויפגעבויט. וואָס מיינסטו איך וועל זיצן אין אַן אַלטער חורבה. די קינדערלעך זאָלן געזונט זיין מערן זיך, וואַקסן אונטער און וואו וואָלטן מיר זיך דאַרטן אהינגעטאָן?"

אַזוי האָט די מאַמע געמאַכט דעם טאַטן אַ סורפּריז — אַ נייע הויז. דערנאָך האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. עס איז געוואָרן אַ הונגער. עס איז ממש ניט געווען קיין ברויט, און אַז טאַטע־מאַמע זיינען געקומען קיין קאַנאַדע איז די מאַמע געווען דאָר און איינגעקאַרטשעט.

אין דער קורצער צייט פון דער רעוואָלוציע האבן זיך טיפע קנייטשן צעלייגט אויף איר פּנים, און די הונגעריקע אויגן האבן געקוקט זשעדנע אויף א שטיקל ברויט. דערפאר האט זי זיך דאָ אין קאנאדע די ערשטע צייטן גאָר ניט געקענט אפּ׳חידוש׳ן: „זע נאר, מייסע, מען עסט דאָך דאָ ווייסע בולקע און פלייש אינדערוואכן. און פוטער, האָסטו געזען, ווי מען שמירט דאָ, וואלט מען דאס אין רוסלאנד געקאָנט דערווייזן?״

דערנאך איז דער מאמען געגאנגען גוט. דער טאטע האט פארדינט גוט אין האמילטאן, און די מאַמע האָט שוין אליין אויך געשמירט פוטער אויף ברויט און געגעסן פלייש און ווייסע חלה אינדערוואכן. און אז די מאמע האָט פארמאָגט אן איבעריקן דאלער האט זי ליב געהאט צו טאָן טובות. אויסלייען אן ארימאן וואס די קינדערלעך דארפן ביי אים נעבעך הונגערן. זי האט ניט געקענט צוזען ווי יענער ליידט: „אז מענטשן זאלן ניט טאָן קיין גוטס, ניט ארויסהעלפן יענעם אין א נויט איז ווי וואָלט די וועלט געהאט א קיום?״ אזוי האט די מאמע זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט מענ־טשן און זיי געגעבן צו פארשטיין אז א מענטש דארף זיין גוט און ניט שלעכט.

מיט פיר יאר צוריק איז די מאמע קראנק געווארן און מער ניט געקאָנט קומען צו זיך. דעם לעצטן מאָל וואס איך בין געווען אין האמילטאן האָט זי זיך פאר מיר געקלאגט, אז זי וואלט באַטש געוואלט דערלעבן נאָך איין פּסח, נאָך פרילינג. נאָך א זומער, כדי זי זאל קענען פארן נאָכאמאָל צו דער טאכטער (מיסעס זוואנקין אין האמילטאן) ביים ביטש. דארטן פלעגט זי דעם גאנצן זומער אפּזיצן ביים ברעג פון לעיק אנטאריא, זיך שאַק־לען אויפ׳ן שאָקל שטול און קוקן ווי די כוואליעס יאגן אריבער דעם ברעג, קושן אירע פיס און לאזן זיך צוריק אין גרויסן טייך אריין. זי האט ליב געהאט צו זען ווי די יוגנט קאָמאנדעוועט, שרייט, ליארעמט, פרייט זיך אין די וואסערן. זי האט ליב געהאט די יוגנט, ווייל די יוגנט איז פאר איר געווען דער סימבאָל פון לעבן. און כאָטש דריי און אכציק יאר אלט האט זי ליב געהאט דאָס לעבן, און ווייל זי האט אזוי ליב געהאט דעם לעבן האָט זי אזוי מורא געהאט פאר׳ן טויט. עס האט זיך איר אזוי ניט גע־וואָלט שטארבן.

צייטנווייז פלעגט זי אראפ פון בעט, זיך שטעלן פאר'ן שפיגל, לאנג זיך באטראכטן און זיך קלאגן:

„אוי, סארא צעקנייטשטע צורה. איך בין דאך געווען אזוי יונג און שיין. ווי קען דאס א מענטשלעכע צורה ווערן אזוי אלט מיט אזוי פיל קנייטשן!"

און אז איך האב זיך אין אזא פאל ניט געמאכט הערנדיק, גיט זי זיך א קער צו מיר:

„אויף וואס דארף דיין טאטע א קראנקע אידענע מיט אזא צע־קנייטשטן פנים, הא, סליימע?"

אין מיין ווייטאג האב איך זיך שיעור ניט צעלאכט. זעקס און זעכ־ציק יאר אפגעלעבט צוזאמען, וועט איר דער טאטע אוועקווארפן!

זאג איך אין שפאס: „אז דער טאטע וועט דיך וועלן אוועקווארפן וועל איך מיט סאשען ניט לאזן. און אויף דער מאמעס צעקנייטשטן פנים צעשפרייט זיך א שמייכל; זי איז דאך אזוי זיכער, אז דער טאטע קען אן איר ניט אויסקומען. א גאנצן טאג איז דאך נאר: „חנה עס, חנה טרינק, חנה נו", נאר חנה און חנה, איז ווי וועט ער קענען אויסקומען אן איר!

און ווען איך האב זיך דעם לעצטן מאל מיט איר געזעגנט, האט זי צו מיר געזאגט:

„ווי זאגסטו, סליימע (שלמה) איך וועל דיך נאך זען נאכאמאל. קומסט אזוי זעלטן, און ווער ווייסט?..."

און איך האב זי געטרייסט:

„אודאי, מאמע, וועלן מיר זיך נאך זען, מיר האבן א גוטן גאט אין הימל, וועט ער דיר נאך געבן א סך יארן".

אבער אמת געגלויבט אין דעם האב איך ניט. איך האב געזען פאר

זיך א חרוב׳ן גוף. אין די דריי און אכציק יאר איז פון איר גוף דער לעבן אויסגערונען. איך האב געזען אין דער מאמעס אויגן דעם אנקומענדן אומ־פארמיידלעכן סוף. דער סוף פון אן אפגעלעבט לעבן. א ווינטער בלום וואס איז פון דעם זומער פארבליבן. די שמעקנדיקע, סאמעט זיידענע, קאלירפול־גלאטע בלעטלעך, לאנג פארדארט, איינגעשרומפן, קאלירלאז און געלבלעך. בלעטלעך וואס זיינען ווי דורך א נס אויפ׳ן שטאם פארבליבן. און דער שטאם אן אויסגעטריקנטער וואס יעדער אנגעטראגן ווינט קען עס איבערברעכן... איך האב זיך דערמאנט אן אמאר קאיאמס ווערטער „די בלום פון נעכטן וועט קיינמאל מער ניט בליען" און דערפאר האט אין מיר די נשמה געוויינט. דערפאר האב איך זיך געוואלט איינזאפן דער מאמעס יעדן קנייטש, ווייל דער טויט איז געשטאנען הינטער איר, אנטשלאסן, קאלט און אכזריות׳דיק און אלץ וואס ער האט געדארפט טאן איז אויסשטרעקן די ביינערנע האנט און זאגן: קום!... איז דערפאר מיר געוועזן אזוי שווער זיך צו שיידן מיט איר. און ווייל די מאמע האט א פנים געפילט דעם אנקומענדן סוף, האט זי אזוי פיל מאל געקושט מיין האנט און זי באנעצט מיט אירע טרערן. בריען נאך היינט דער מאמעס טרערן, בריען און שטעכן און וויי־טאגן... און ווייל דער מענטש איז דאך אזוי געבוירן, אז אין די סאמע פינסטערע האפנונגסלאזע מינוטען, זאל נאך אלץ טליען א פונק פון א בעסערער מעגלעכקייט, האב איך דערפאר נאך אלץ געהאפט אז איך וועל זי נאך זען, אז די מאמע וועט נאך לעבן, ליגט איצט די האפנונג, טויט, באגראבן אונטער א בערגל ערד, דארטן וואו די האפענונג ענדיקט זיך, וואו דער חשך איז דורכויס חשך, אן ליכט און אן שטן. שטארער, פינס־טערער חושך...

מיט א געבויגענעם קאפ, און א צופלאנט הארץ שטיי איך פאר דער מאמעס פרישן קבר און בעט מחילה: „פארגיב מיר, מאמע, אויב איך האב דיך ביים לעבן ניט אפגעשאצט אקוראט ווי דו האסט פארדינט. — קינדער שעצן דאך אזוי זעלטן אפ ווי געהעריק די מאמעס. ליב און טייער וועט מיר זיין דיין אנדענקען פון דאס שענסטע און הייליקסטע וואס די וועלט פארמאגט — א מאמע.

הימלאַזע מענטשן

אין קעלער פון גרויסן קלויסטער איז געווען טונקל. דער קלויסטער געבויט פון שטיין און שטאָל איז געשטאַנען איינגעקוועטשט צווישן צוויי ריזיקע געביידעס און ווי הויך דער קלויסטער איז געווען האט ער אויסגע־קוקט נישטיק קליין קעגן די ריזיק הויכע געביידעס. ווייל אין קעלער פון קלויסטער זיינען מער ניט געווען ווי צוויי קליינע פענסטערלעך וואס זיינען געווען האלב אריינגעזעצט אין דער ערד האָט קיין סך ליכט אין קעלער נים געקענט אריין.

פונדעסטוועגן האבן צוויי דינע פּאסן זון זיך פארט אריינגעשטופּט דורך די אויבערשטע האלבע פענסטערלעך און זיך קרום צעלייגט אויפן צעמענטירטן דיל פון קעלער, א סימן אז אין דרויסן שיינט א ליבטיקע זון און אז מען דאַרף נאָר ארויסקריכן פון דעם קעלער און די אויגן וועלן פארבלענדט ווערן פון ליכט און זונען שיין.

די זון וואס שיינט מיט א צעלויכטענעם פּנים פאר אלעמען גלייך, פאר די וואס האבן היימען און האבן וואוהין צו גיין און צו זיין . . . פאר די הימלאזע וואס האבן גארניט און פארמאָגן קיין זאך ניט אויסער די גאס, די פּארקס, און די דזשיילס...

אין קעלער איז געווען ווארים. דער קיילעכדיקער גרויסער פּאַרנעס, מיט די לאנגע בלעכענע קוימענס וואס האבן זיך געצויגן ארויף און גע־מאכט דעם איינדרוק פון א ריזיקן באוועגלאזן שפּין, האט געוואָרימט דעם קעלער און געמאכט די הימלאזע און דורכגעפראָרענע מיד און שלעפעריק.

די טיר פון קעלער האט זיך דעם גאנצן טאג נים אויפגעהערט עפע־נען און פארמאכן. זינט דער גלח פון קלויסטער האט געלאזט וויסן אז די היימלאזע ארימע קענען קומען און שלאפן אין קלויסטער קעלער און זיך באשיצן פון שניי און קעלט, האָבן די היימלאזע מענטשן זיך א לאז געטאן פון אלע באהעלטענישן איבערן שטאט.

ארום צען אזייגער אין אוונט האָט זיך די טיר אויפגעהערט עפע־נען און צו פארמאכן. די היימלאזע זיינען געזעסן און געלעגן אויפן הארטן דיל און זיך אויסגערוט און אויסגעווארימט די צעבראכענע, דורכגעפראָרע־נע ביינער.

אז מען האט אָנגעקוקט דעם קעלער מיט די היימלאזע מענטשן פון אלע נאציאָנאליטעטן, אָפּגעריסענע מיט צעלעכערטע שיך, מיט פארהונגער־טע פּנימער האט מען געקענט מיינען אז די גאנצע וועלט מענטשן איז אָפּ־געריסן און פארהונגערט. עס וואָלט פּשוט איינעם נים איינגעפאלן אז באלד ווי מען גייט ארויס פון דעם טונקעלן קעלער שטייען די גרויסע האָ־טעלן מיט די שווייצארן ביי די טירן, אין בלויע רעק און גאָלדענע קנעפּ גלעטן זיך די הענט מיט די ווייסע הענטשקעס און די פּנימ׳ער מילכיקע זאטע, שמייכלען צו די רייכע דאמען און הערן וואס פארפאָרן מיט די שאָ־פערס אין די טייערע אויטאָמבילן און די ברייטע שווערע טירן באפּוצט מיט גלאנצנדיקן אָפּגעשייערטן מעש הערן זיך נים אויף צו עפענען און פארמאכן פאר די אויסגעפּוצט און פוטער איינגעוויקלטע דאמען און הערן וואס גייען אריין און ארויס אזעלבע שטאלצע, אָפּגעקאָרמעטע ווי דאָס גאנצע גוטס און וואוילטאג וואלט געווען פון גאָט אליין נאָר פאר זיי באשאפן, פאָר זיי אַליין אָנגעגרייט...

דער טונקעלער קלויסטער קעלער האט געשמעקט מיט טובלע, מיט אן אומאנגענעם ריח פון מענטשן שוויים וואס האָבן זיך אויסגעוואלגערט אין אלע שמוצן און שטויבן. מיט דעם ריח פון שלעכטע מאָגנס וואס קומט געוויינלעך פון א סך הונגערן, און פון טרוקענע זעלטן געקאכטע עסנס.

איבער די פארשטויבטע זעלטן פארקעמטע קעפּ איז געהאנגען א רויך פון די קליינע אוועקגעווארפענע שטיקלעך סיגארעטס וואס מען האט

אויפגעהויבן אין די גאסן און אין דעם טונקעלן קעלער ביי דעם דיקן ווארימען פארנעם זיך איינע די אנדערע טראקטירט מיט דעם, און די בלא־ כע ליפן האבן זשעדנע געצויגן דאָס קליין ביסל ניקאָטין און געפילט אין דעם טויזנט טעמ׳ען.

די צענויפגעלאָפענע וואנדערער האבן זיך געגרייט גיין שלאָפן. מען האט זיך געמאכט געלעגערס פון די צעריסענע אויבערמאנטלען, פון שמאטעס, פון זעק און צייטונגען וואס מען האט צעשפרייט אויף דעם הארטן דיל. אנדערע האבן געלייגט צוקאָפּנס שטיקער האלץ וואס זיינען געוועזן אנגעגרייט אונטערצוהייצן דעם פאָרנעם, און די שטיקער האָלץ פאר־ שפרייט מיט וואס מען האט נאר געהאט, עס האט פאָרט געמאכט העכער דעם צוקאָפּנס און האט זיך געדאכט אז עס איז באקוועמער... נאָר איינער וואס איז געלעגן מיט די פיס צום ווארימען אויוון האָט א שליידער געטאן פון זיך דאָס שטיק האלץ וואס עס איז אים געלעגן צוקאָפּנס:

— טפו, עס שניידט זיך אריין אין האלז ווי א שארפער שטיין. מען האָט געדארפט די מאגנאטן, די רייכע לייט באַטש איין נאכט צווינגען צו שלאָפן אויף די געלעגערס, הא, ווי מיינסטו מעק?

מעק, א זעקס פוסיקער ענגלענדער, דין ווי א פארטריקנט שטאנגל וואָס כאָטש אין גאנצן צוואנציק יאר אלט, האט ער אויסגעקוקט ווי פערציק איז געלעגן מיטן קאָפּ צום ווארימען פאָרנעם, האט א הויב געטאָן דעם דארן האלז מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ האר און זיך אָנגערופן מיט ביטערניש:

— דאָס וועט ניט דו און ניט איך דערלעבן. זיי האבן זיך גוט פאר־ זאָרגט, פאר זיי איז ניטאָ וואס צו דאגה׳נען.

דערנאך איז א ווײַלע געווען שטיל, דער לאנגער מעק האָט זיך נאָכאמאָל אפגערופן:

— ווי לאנג איז שוין אז דו שלעפּסט זיך אזוי ארום?

— שוין פיר יאָר קאַמאַראַד — האָט יענער געענטפערט — פיר יאָר ניט אנגעזען קיין בעט, פיר יאָר אז מיין קאָפּ איז שוין ניט געלעגן אויף א קושן. איך מיין א ווייכע, ווייסע קושן, ווי מיינסטו קאַמעראַד, א ווייכע קושן וואלט מיר פאַרשאַדט?

— איך ווייס ניט ווי דיר, מיר וואָלט עס געווים ניט פאַרשאַדט—האָט דער לאַנגער מעק געענטפערט — איך האָב שוין באַלד קיין זייטן ניט פון שלאָפן אויף די האַרטע געלעגערס. איך בין צו דעם ניט צוגעוואוינט.

— רעדסט ווי א פאַרפּיעסטשעטע קינד מעק, אַן אונזעריקער דאַרף זיין פאַרהאַרטעוועט, דאַרף אַלץ אויסשטיין.

— איך בין ניט געבוירן אונטער א פּלויט. איך בין ניט אַלעמאָל געווען הפקר — האָט דער לאַנגער מעק זיך געקלאָגט.

— ווי אַלט ביזטו?

— צוואַנציק.

— נאָך כמעט יונג, צו פרי זיך אוועקגעלאָזט פון דער היים.

— איך האָב איצט ניט קיין היים — האָט מעק גערעדט מיט א פאַרשטיקטער שטימע — אַמאָל האָב איך געהאַט א היים, מיין פאָטער איז א לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, מיר האָבן אַלע געהונגערט. ביז עס האָט מיין פאָטער דערעסן און ער האָט זיך אַריינגעשאָסן א קויל אין קאָפּ.

— דאָס איז ניט גוט מעק. א מענטש טאָר ניט באַגיין זעלבסטמאָרד. מען דאַרף האָבן מוט און קעמפן, אייביק וועט ניט זיין אַזוי שלעכט אויף דער וועלט.

— ניט אַלעמאָל קען מען זיין אַזוי שטאַרק. עס דערגייט אַמאָל אַזוי אַז מען מוז עס טאָן — האָט מעק פאַרענטפערט זיין טאַטען...

— ביזט געזעבט מעק. אין אנדערע דיקטאַטאָרישע לענדער צווינגט מען א מענטשן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, פאַרשטייסט, נעם היטלער לאַנד, מען מאַטערט דאָרט אַזוי דעם מענטשן ביז ער איז גליקלעך וואָס ער קען זיך באַפרייען פון זיינע ליידן... פאַרשטייסט, דאָ ביי אונז פאַרשטייסט איז אַנדערש, דאָ איז א פרייע לאַנד פאַרשטייסט, נעמט זיך דער מענטש דאָס לעבן פריי, פאַרשטייסט?

דער לאַנגער מעק האָט א לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו איך רעד צו דיר וועגן אַזאַ ערנסטן ענין און דו לאַכסט.

— איך לאַך — האָט דער לאַנגער מעק זיך פאַרענטפערט — וואָס צו יעדער וואָרט זאָגסטו פאַרשטייסט, אודאי פאַרשטיי איך וואָס בין איך א גולם?

— נו אויב דו פאַרשטייסט איאַז גוט, וועל איך דיר דערציילן נאָך עפּעס, עס וועט מיט דער צייט ווערן דאָ ווי אין יענע טיוואָלאַנישע לענ־דער, אָט נעם א ביישפּיל דעם פּעדלאַק געזעץ אין קוויבעק. היינט וואַרפט מען דאָרט אַרויס קאָמוניסטן פון די היימען און מען שליסט צו זייערע היימען, מען טרייבט זיי הייסט עס אַרויס פאַר אומגעווינטשטע בירגער, מאָרגן וועט מען די זעלבע קאָמוניסטן אָפּהאַקן די קעפּ, און ווי ווייט מיינ־סטו איז דער שפּרונג פון קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן און סתם באַוואוסט־זיניקע מענטשן, וואָס ווילן אַז איך און דו זאָלן אויך שלאָפן אין א בעט ווי אַלע מענטשן און האָבן דריימאָלצייטן א טאָג. פאַרשטייסט דער שפּרונג פון קאָמוניזם ביז אַן אַנדער איזם איז גאַרניט קיין ווייטער, מען קען עס לייכט פאַרבייטן. בפרט די טאָטאַליטירטע לענדער וואָס אין יעדן פרייען געדאַנק און יעדער ביסל מענטשלעכקייט לויערט ביי זיי די רויטע געפאַר. זיי, די שונאים פון מענטשלעכן יושר ווילן אַלץ פאַרשרייען מיט דער רוי־טער געפאַר. מען שיסט אין דעם קאָמוניזם און עס טרעפט דעם פרייען געדאַנק וואָס וויל ניט פאַרלייקענען דעם אמת און וואָס וויל באַפרייען דעם מענטשן פון דעם גרויסן סאָציאַלן אומגליק, דעם פאַשיזם. איך ווייס ניט צי דו באַנעמסט עס, אָבער איך זאָג דיר אַז אין די לענדער וועט נאָך ווערן

ווי אין יענע טייוואָנישע לענדער און איך און דו און אזעלכע ווי מיר וועלן דארפן באצאָלן. פארשטייסטו?

דער לאנגער מעק האָט זיך פארטראכט, דערנאך א פרעג געטאָן:

— ביזט א קאָמוניסט?

— איך ווייס ניט וואס איך בין מעק, איך בין א מענטש, וואס וויל ארבעטן, וויל א בעסערן לעבן, א לעבן מיט מענטשן גלייך, קענסט עס אנרופן מיט וואס פאר א נאָמען דו ווילסט.

דער געשפרעך האט זיך פלוצלינג איבערגעריסן, עמיצער האָט נאָכאנאנד געקלאפט אין טיר זי געפרואווט עפענען און ניט געקנט. צום סוף האָט זיך די טיר געגעבן א פראל אויף און א מענטש איז אוועקגעפאלן אויפן שוועל.

דער גאנצער קעלער היימלאזע האט זיך ווי איין מענטש א שטעל געטאָן אויף די פיס. מען איז געלאפן צום טיר. איינער האט אויסגערופן:

דער מענטש איז פאר׳חלש׳ט, ווער האט אביסל ברענדי, מען דארף אים ארייגיסן אין מויל. און אז דער פאר׳חלש׳טער האט געעפנט די אויגן האבן די בלויע פארטריקנטע ליפן קוים ארויסגערעדט:

— כ׳שטארב פון הונגער קאמעראדן, כ׳שטארב...

די ווערטער אז א מענטש שטארבט פון הונגער האט זיך צעטראגן איבערן קעלער, און כאָטש עס איז פאר זיי ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואס זיי זעען א פארהונגערטן מענטשן, האט זיך יעדערער דערפילט צעטרייסלט. מען האט געשלעפט שטיקעלך ברויט, סענדוויטשעס פון געלן קעז פארדעקט מיט דינע פעניצלעך ברויט, פון פלייש וואס האָט שוין געהאט גרינלעך שווארצע פלעקן, איינגעוויקלט אין שמוציקן פאפיר, פון די קעשענעס און מען האט דאָס אלץ אוועקגעלייגט פאר׳ן פארחלש׳טן. דער פארחלש׳טער

האט דאס אלץ רחמנות׳דיק אָנגעקוקט און צוגעמאכט די אויגן.

— מען דארף זאגן דעם גלח זאל ער רופן א דאקטאר — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— מען דארף ניט קיין דאקטאר, ער וועט זיך אויסשלאפן וועט ער זיין אלרייט מען דארף אים מאכן א ווייך געלעגער.

פון אלע זייטן האט מען אָנגעהויבן טראגן צעריסענע אויבער־מאנטלען, פארשמאָלצענע סוועטערס. מען האט געמאכט א געלעגער און אוועקגעלייגט דעם פאר׳חלש׳טן. עס האט זיך געדאכט אז דער מענטש איז איינגעשלאפן און אלע זיינען אוועק צו זייערע ערטער.

ווען דער פרימארגן האט אויפגערויטלט און די גרויקייט האט זיך צעלייגט אויף די צוויי קליינע פענסטער, און אנגעזאגט אז די נאכט איז אוועק... א נאכט פון אומרואיקן שלאף אויף שטיין געלעגערס. מיט אנגע־ווייטאגטע זייטן און קעלער שטויב אין די לונגען, איז דער קעלער געוואָ־רן פול מיט באוועגונג. דער שמייכלדיקער דזשאו וואס האט זיך שטענדיק געוויצלט אפילו דאן ווען דער מאָגן האט געקרעמפט פאר הונגער, האט ארויסגעשלעפט פון זיין פארוויקלט קלומעק א פארזשאווערט פענדל, און אין אן אלטן טעפל וואס איז געווען שווארץ פאררויכערט האט ער געמישט מעל וואָס מען האָט נעכטן אויסגעבעטלט אין די קראמען, און אין דעם פאָרנעם אויף די הייסע קוילן געבאקן לאטקעס און דערביי אלעמען געמינטערט.

— העי, ווער עס וויל א לאטקע זאל זיך מטריח זיין אהער, דאָ איז ניט קיין האָטעל און עס איז ניטאָ ווער עס זאל אונטערטראגן.

מען האט זיך א לאָז געטאן צו דעם שמייכלענדיקן דזשאו, געבריט זיך די הענט און געגעסן די הייסע לאטקעס. דער איינציקער וואס האט זיך ניט גערירט איז געווען דער נעכטיקער פאר׳חלש׳טער. ער איז געלעגן איינ־געוויקלט אין די שמאטעס און ניט באוויזן קיין סימן פון לעבן.

דער שמייכלענדיקער דזשאו איז צו אים צוגעגאנגען און א צופּ געטאָן פאר׳ן אקסל:

— העי, שטיי אויף, וועסט קריגן א לאטקע, ביי אונז אז מען כאפט ניט אריין האָט מען ניט.

אָבער דער מענטש האט זיך אפילו קיין ריר ניט געטאָן. דזשאו האט אים א קוק געטאָן אין פּנים און מיט אמאָל אים גענומען טרייסלען מיט אַלע כוחות. אָבער דער מענטש האָט קיין סימן פון לעבן ניט באַוויזן. צום ערשטן מאל אין דזשאוס לעבן איז ביי אים דער שמייכל אראָפּ פון פּנים.

— מען דאַרף זאָגן דעם גלח ער זאָל רופן א דאָקטאָר, דער מענטש איז דאכט זיך טויט — האָט דזשאו זיך אָנגערופן צו די דערבייאיקע.

עמיצער איז אוועק זאָגן דעם גלח. און אז דער גלח איז געקומען מיטן דאָקטאָר האט גענומען א היבשע ווײַלע ביז מען האט אַרויסגעוויקלט דעם מענטשן פון די שמאַטעס. דער דאָקטאָר האט זיך צוגעהערט צום האַר־צן איינמאָל, נאָך אמאָל און א מאָך געטאָן מיטן קאָפּ.

און אז דער דאָקטאָר מיטן גלח זיינען אַרויס, האט מען א נעם געטאָן דעם טויטן קערפּער און אים אוועקגעלייגט אין מיטן קעלער און צו־געדעקט מיט צייטונגען. קיינער האט מער ניט געקענט אראָפּשלינגען א ביסן. דאס פאַרמישטע מעל אין שוואַרץ־פאַרדויכערטן טעפּל איז געבליבן ניט דערבאַקן. אין קעלער איז געוואָרן שטיל, ווי ניט דער איין מענטש וואָלט געלעגן אויף דער ערד א טויטער, נאָר ווי אַלע אין קעלער וואָלטן אָפּגע־שטאָרבן און געבליבן אַזוי פאַרשטייפט שטייענדיק און מיט אמאָל האט איינער זיך א שטעל געטאָן אויף אן איבערגעקערטער אַש קען און מיט ווייטאָג גערעדט:

— קוקט אָן קאַמעראַדן דעם מענטשן אויף דער ערד. איר געדענקט וואס ער האט געכטן, ווען ער איז אַרויס פון חלשות געזאָגט: צוויי וואָכן אז ער איז אַרומגעגאַנגען אָן א ביסן ברויט. איז דאָס רעכט? איז דאָס יושר'דיק ווען די קראָמען זיינען פול מיט עסנוואַרג? ווען די ברעקלעך וואס פאַלן אראָפּ פון די רייכע טישן וואָלטן געקענט אונז אַלעמען זאַט מאַכן? און וואס איז מכוח אונז אַלעמען, שטאַרבן מיר ניט צוביסלעך אויס פון הונגער פון פאַרדאַרונג? אָן וואו שלאָפן מיר. אונזערע האָטעלן זיינען די

דזשיילס! האַרטער צעמענט, שטויב, קאַמעראַדן. מיר מוזן עפּעס זען טאָן דערצו, מיר מוזן אַרויס, טאַקע איצט, באַלד פאָדערן גערעכטיקייט.

— ביי ווענען? — האָט איינער אויסגעשריען. און עס האט זיך געדאכט אז אפילו דער טויטער אויפן דיל האט זיך או ריר געטאָן.

— ביי די געלט זעק? ביי די גראָבע אנגעגעסענע בייכער? ווען זיי פארמאָגן יושר וואלטן זיי דאך ניט דערלאזן אז מיר זאלן דארפן ארומגיין הונגעריקע, ווי מיר וואָלטן געלעבט ניט צווישן מענטשן נאר אין א ווים־מעניש צווישן וועלף און אנדערע בייזע חיות, און שלאפן אָט דאָ.

— דער געוויסן פון דעם מענטשן — האָט דער וואס איז גע־שטאנען אויף דעם אש־קען איבערגעשלאגן — איז נאָך ניט אין גאנצן טויט קאמעראדן, מיר וועלן אזוי לאנג פאָדערן גערעכטיקייט ביז מיר וועלן קריגן...

— מיט א קויל אין הארצן — האָט דער איינער נאָך אמאָל א דו־נער געטאָן — ביי די געלט זעק ליגט דער געוויסן אין די זעק גאלד און ניט אין הארצן. בא, געוויסן!

— איז וואס שלאגט איר פאָר קאמעראדן דארפן מיר טאָן? —האָט דער אויפ׳ן אש קען א פרעג געטאָן.

— ניט פאָדערן גערעכטיקייט, נאר אליין נעמען און איינפירן די גערעכטיקייט צווישן די מענטשן.

— דאָס איז א גוטע עצה קאָמעראד, אָבער ווי אזוי קענען מיר עס אויספירן אז עס זאל קיין מענטשלעך בלוט ניט פארגאסן ווערן, כ׳מיין אָן קרבנות. ווי אזוי גיט דאָס מיר... ביים לעצטן וואָרט האט זיך די טיר גע־עפנט און עס איז אריין דער גלח מיט א פאָר מענטשן. מען האט אויפ־געהויבן דעם טויטן קערפער און ארויסגעטראגן פון קעלער. די בליקן פון אלע היימלאזע זיינען געבליבן הענגען אויף דער נאר וואס צוגעמאכטער טיר. אלע צוזאמען האבן זיי נאָענטער דערפילט דעם זעלבן שווערן גורל וואָס הענגט איבער זייערע איינענע קעפ. און אין פאָרנעם האבן הייסע קוילן געקנאקט און געלאזט וויסן אז אויבן אין קלויסטער וועט פאר די מענטשן וואס קומען בעטן גאָט, זאטע און צופרידענע זיין ווארים און באקוועם.

דער גורל פון א מענטש

ווי אלע טאג נאָך לאנגע שעה'ן זיך ארומשלעפּן זוכן ארבעט, האט בען אן אויסגעשעפּטער, א מוטלאזער זיך געלאזט אהיימגיין מיט ליידיקן.

אכט יאר האט בען געארבעט אין א פאבריק פון מעבל. די פאבריק א דריי־שטאָקיקע געביידע, שווארץ פון רויך און שטויב, וואו בען האט די אלע יארן אפּגעשקלאפּט, קיינמאל א טאג ניט פארפעלט, האט זיך גאר פּלוצלינג צוגעמאכט און בען איז מיט ווייב און צוויי קינדער געבליבן ווי אויפן וואסער. די ווייב א גר'טע וואס האט מיט צען יאר צוריק פארווארפן איר קאטוילישן גלויבן און אנגענומען דעם אידישן גלויבן, איז ארומגעגאנ־גען א פאראומערטע, אן אומצופרידענע. פאר דער חתונה איז די קאטוילישע עדנא געווען גרייט אויף אלעם. דעמאָלסט א זיבעצן יאריקע היי־סקול מיידל, האָט זי זיך פארליבט אין בענ'ין, דעם היי־סקול בחור. בען, דאן הויך, שיין און שלאנק, אן אמת'ער אטלעט, האָט זיך אין אים די זיבעצן יאריקע עדנא פארליבט, און אים ניט אפּגעלאזן. אים ממש פארפאָלגט מיט איר ליבע.

בען, א יונגער היי־סקול בחור, האט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון עדנא'ס ליבע. זיך פארפּלאָנטערט אין א נעץ מיט דער שיינער עדנא'ן, און אז ער האָט זיך געכאפּט איז שוין געווען צו שפּעט. עדנא איז שוין געווען אין פינפטן מאָנאט, דער בויך איז געוואקסן און ער האט מיט איר געמוזט חתונה האבן.

ער האט אפילו ניט געקענט העלפן וואס די מאמע, א לאנג־יאָריקע אלמנה, האָט פון אגמת נפש, וואס איר בען, איר טייערער בן יחיד האָט זיך פארפּלאָנטערט מיט א קאטוילישער שיקסע, אויפגעהערט עסן, און נאָ־

כאנאנד ארומגעגאנגען און געבראכן די הענט. אמת, בען איז דורכאויס באשטאנען, אז זי, עדנא מוז זיך מגייר זיין און ווערן א אידישע, און עדנא האט אים נאכגעגעבן און געווארן א אידישע, זיך מגייר געווען. אבער זיין מאמען, די לאנג־יאריקע אלמנה, איז פון דעם ניט לייכטער געווארן. זי האט ניט אויפגעהערט קלאגן און צום סוף אינגאנצן אראפ פון זינען און גע־שטארבן פון אויסצערונג.

בען האט זיך עס דאן אזוי גענומען צום הארצן, אז ער האט שיער אליין ניט פארלוירן דעם גלייכגעוויכט. אבער די קלוגע עדנא האט געוואוסט ווי צו מאכן, אז בען זאל אן דער מאמען פארגעסן...

פיר מאנאטן נאך דער חתונה האט עדנא געהאט א אינגעלע, צוויי יאר שפעטער איז געקומען א מיידעלע.

בען האט ליב געהאט די קינדער ווי זיין לעבן. ער האט זיך מיט זיי ארומגעשפילט און געווען גליקלעך, וואס ער איז א טאטע פון אזעלכע שיינע קינדער. אלץ איז געגאנגען גוט, ביז די דריי שטאקיקע מעבל פאבריק האט זיך צוגעמאכט און ער איז געבליבן אן ארבעט. און שוין א יאר און א האלב אז ער זוכט ארבעט, געווען וואו א פאבריק און קען זיך צו גאר ניט דערשלאגן.

א טויט־הונגעריקער איז בען אריין אין הויז, זיך אנגערופן צו דער ווייב:

— איך בין טויט הונגעריק, עדנא.

— ברויט און פוטער און טיי, דאס איז אלץ וואס געפינט זיך אין הויז, — האט די ווייב צוגעווארפן פון דער זייט.

— בעסער ווי גארניט — האט בען זיך געזעצט צום טיש.

די ווייב האט צוגעטראגן דעם מאן ברויט און פוטער און א גלאז טיי, זיך אליין צוגעזעצט, געקוקט פארשעמט אויפן מאן און א זאג געטאן:

— איך טראכט, בען, מיר וועלן זיך מוזן אריינקלייבן צום אָנקל פרעד.

— דו מיינסט צו דיין רייכן אנקל,... — איז בען'ין דער ביסן גע־בליבן שטעקן אין האלדז.

— יע, צום רייכן אָנקל.

— ער וויל דען?

— ער וויל. ער האָט נאך מיט א צייט צוריק מיר אָנגעבאטן, מיר זאָלן זיך אריינקלייבן צו אים אין הויז. ער וועט אונז מיט אלץ פארזארגן, ביז דו וועסט קריגן ארבעט.

— זאָל ער אונז אזוי העלפן.

— דאָס וויל ער ניט. ביי אים, זאגט ער, איז א גרויסע הויז. מיר קענען דארט זיין ווי לאנג מיר ווילן.

— אָבער ער איז א קאטוילישער און מיר זיינען אידישע — האט בען אָפּגערוקט פון זיך די קאלטע גלאז טיי.

— ניט מיר, דו . . .

און דו?

— איך... — האָט דאָס ווייב נאָכגעטראכט א ווײלע. — ביסט דאך א קלוגער, בען, האָב איך געמיינט, אז דו פארשטייסט...

— אז איך פארשטיי וואס?... — האָט בען אָנגעשטעלט אויף דער ווייב א פּאָר אויגן.

— אז דער פייער פון ליבע פארצערט דעם שכל און מאכט דעם קליגסטן מענטשן פאר א נאר. אָבער דערנאך אז מען קומט צוריק צום שכל,

דערזעט מען אז מען קען פון דעם אייגענעם „איך" ניט אנטלויפן. די איי־
גענע הויט איז די נאָענטסטע...

— דו מיינסט, אז...

— פארשטייסט, וואס איך מיין, בען. נאר לאָמיר פון דעם איצט
ניט רעדן. בעסער זאג צי דו ווילסט זיך אריינקלייבן צום אָנקל?

— איך וויל זיך צו דיין אָנקל ניט אריינקלייבן — האט בען אָפּ־
געשניטן.

— אָבער, בען... — האט די ווייב פּראָטעסטירט. — די רענט איז
ניט באצאָלט. דער לענדלארד איז דריי מאָל געווען די וואָך. און די קינדער
הונגערן, זע, ווי זיי קוקן שוין אוים!

פון דעם ווייב'ס לעצטע ווערטער האט בען זיך פארלוירן. די קינ־
דער האט ער ליב געהאט. ניט געוואלט זיי זאלן ביי אים פארהונגערן, אָנ־
הויבן קרענקען. ער האט קיין מוט ניט געהאט זיך קעגנשטעלן דער ווייב.
ער האט געמוזט צושטימען.

א וואָך שפּעטער האט בען מיט דער ווייב און קינדער זיך אריינגע־
קליבן צום ווייבס קאטוילישן אָנקל.

די הויז איז געווען א גרויסע. די ווענט באהאנגען מיט בילדער פון
יעזוסן, פון דער הייליקער מאריא. וואו א קער — א סטאטוע פון יעזוסן,
מיט א צלם, און מיט א בלוטיקע וואונד אויפן הארצן. בען האט דאס ניט
געקענט פארטראגן. די גרויסע, גערוימע הויז איז אים געווען ענג. ער האט
זיך ניט געהאט וואו אהינצוטאן. אָבער דעם ערגסטן ווייטאג האט ער דער־
פילט ווען די קינדער האבן אָנגעהויבן קלעפּן צום אָנקל (זיי האבן אים
גערופן אָנקל) און זיך אנגעהויבן דערווייטערן פון אים, פון זייער איי־
גענעם פאָטער.

דער אָנקל האט זיי געקויפט די טייערסטע צאצקעס. די הויז איז

פול געווארן מיט קינדערשע שפּילערייען. דער ניין יאָריקער דזשאַני איז ארומגעפארן איבערן הויז אין זיין גרויסן קינדערשן אויטאָמאָביל, און די זיבן יאָריקע דארין איז אים נאָכגעפארן אויף איר דריי־רעדלדיקן וועלי־סאָפּעד. בעז האט זיך גע׳חידושט וואס דער אָנקל פארשווענדט אזויפיל געלט אויף שפּילצייגן. אן אנדערשט מאל וואלט ער אָנגעקוואלן, וואס די קינדער אמוזירן זיך אזוי. אבער איצט האָט א פיינלעכער פארגעפיל זיך געלייגט אויפן הארצן, און דער פארגעפיל האט אים ניט אפגענארט.

שפּעטער ווען ער האט דעם ניין יאריקן דזשאני׳ן גענומען אויף די הענט און א פרעג געטאן:

— ווילסט זיך גאר מער ניט שפּילן מיטן פּא, הא קינד?

דער אינגל האט זיך פארטראכט, דערנאָך א זאָג געטאן:

— ווייסט פון יעזוסן, פּא?

— איך וויים.

— דער אָנקל זאגט, אז אלע מענטשן דארפן גלויבן אין יעזוסן.

— און וואס נאָך זאָגט דער אנקל? — איז בעז געווארן צעטומלט פון דעם קינדס רייד.

— ער זאגט, אז אידן האבן אים דער׳הרג׳עט.

בעז האָט א ציטער געטאן. פון דעם בלויזן געדאנק וואס דער אינגל האָט דאָ ארויסגעבראכט, האט אים באנאָסן א שוויים. ער האט גערעדט צום אינגל ווי מען רעדט צו א גרויסן:

— די אידן האבן ניט דער׳הרג׳עט יעזוסן, קינד, אידן האבן פיינט בלוט פארגיסונג.

— טאָ פארוואס זאגט דער אנקל, ער וועט ניט זאגן קיין ליגן.

— איך ווייס ניט, קינד. — האָט בען גערעדט מיט ווייטאג. — מען טראכט אוים אלדאָס בייז אויף די אידן. דער איד איז פארשאלטן.

דער אינגל האט ניט פארשטאנען, איז אראָפּ פון טאטנס שויס און ארויסגעלאָפן אין דרויסן. בען איז געבליבן זיצן ווי אימיצער וואלט אים אויסגעפּאטשט. אין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט א כאָאָס. פון דעם כאָאָס האָט זיך ארויסגעשיילט איין קלארער געדאנק. אים איז מיט אמאָל קלאר געווארן פאר וואס דער קאטויילישער אנקל האָט אזוי געוואלט זיי זאָלן זיך ארייגקלייבן צו אים אין הויז. געוואָלט מיט דעם די קינדער באציען צו זיין גלויבן. מאכן די ווייב צוריק פאר א קאטויליש־גלויביקע, און מיט דעם אפּרייסן פון אים די ווייב, די קינדער. פארוואָס האט ער דאס פריער ניט פאראויסגעזען? ניט פארשטאנען!

ער האט זיך א הויב געטאן פון שטול, זיך געלאָזט צו דער ווייב אין קיך:

דאָס ווייב האָט אים אָנגעקוקט.

— האָסט דאָך מיר אמאָל ליב געהאט, עדנא — האָט בען אפּעלירט צו דער ווייב. — מיר האבן דאָך קינדער צוזאמען... אין דעם זכות, עדנא, וויל איך זאלסט מיך אויסהערן.

דאס ווייב האט געשוויגן.

בען האט ווייטער גערעדט:

— איך קען דאָ, עדנא, מער ניט זיין. עס טשיקט מיך, לאמיר זיך ארויסקלייבן פון דאנען.

אָבער בען, — האט דאס ווייב גערעדט מיט הארץ. — דו ווייסט דאך, אז מיר קענען ניט, מיר האבן דאך ניט מיט וואס. דיך ארט ניט אז

די קינדער האבן זאטע מאַגנס, און מיר האבן וואו צו זיין. ביסט ניט קיין דאנקבארער מענטש, בען.

בען האט ארויסגעשטאמלט:

— די קינדער, ער מאכט זיי פאר קאטאַליקן...

— און וואס זיינען קאטאַליקן, קיין מענטשן ניט? — האט דאָס ווייב אנגעקוקט דעם מאן מיט חשד.

— איך זאג ניט, אז קאטאַליקן זיינען קיין מענטשן ניט, — האט בען זיך פארענטפערט. — אָבער איך בין א איד, עדנא, און ער נעמט ביי מיר צו מיינע קינדער. עס איז דאָס איינציקע, וואס איך פארמאָג.

— אָבער בען, — איז דאָס ווייב געווען כמעט טראציג. — איך האָב דאך אויך א חלק אין די קינדער.

בען האט פארשטאנען וואוהין דאס ווייב צילט. ער האט פלוצלינג דערזען דעם שרעקלעכן אמת, אז ווייב און קינדער הויבן זיך אן ארויס־גליטשן פון זיין לעבן... אז ער בלייבט איינער אליין, אן עלנדער.

ער האָט געקוקט אויף דער ווייב און דורך איר געזען יענע עדנא, וואָס האָט אים מיט יארן צוריק ליב געהאט ביז משוגעת און אזוי כיטרע ארומגעפּלאָנטערט דעם נעץ ארום אים. א פיינלעכער פארדרוס האט זיך צעלייגט אין די גלידער. א פארדרוס אויף די אייגענע פעלערן אויף די אָפּ־געטאָענע נארישקייטן. אים האט זיך א שטעל געטאן פאר די אויגן די מאמע, וואס איז דורך אים משוגע געווארן און געשטארבן פון אויסצערונג. ער האט זי געזען פארן טויט, אן אויסגעטריקנטער סקעליעט און די אויגן, פארזונקענע אין די לעכער האבן געקוקט פרעמד און ווייט.

דער מאמעס אויגן האבן אים אנגעהויבן פארפאלגן. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אזוי ער האט זיך די אלע יארן געקענט פארגעסן אָן דער מאמען און זיין גליקלעך. איצט קוקנדיק אויף דער ווייב, וואס האט גע־

צוויגן צוריק צום קאטוילישן גלויבן, איז ער געווען זיכער אז דאס ווערט אים באצאָלט פאר דער מאמעס צער, פאר דער מאמעס ליידן. ער האט דער ווייב מער גארניט געהאט וואס צו זאגן. ער האט געפילט, אז ער איז אין דער קאטוילישער הויז אן איבעריקער, אז מען דארף אים דאָ ניט האבן.

א שווייגנדער, א באזיגטער איז ער ארום אין דרויסן. דעם גאנצן טאָג איז ער ארומגעגאנגען איבער די גאסן. ארום פארנאכט האט ער זיך צוגעשלעפט צו א שטאָטישן פארקל און זיך צוגעזעצט אויף א באנק. ער האט אפילו ניט באמערקט, אז א פרוי האט זיך געזעצט ביי זיין זייט. גאר אָן צערעמאָניעס האט זי גענומען רעדן צו אים:

— קוקסט אוים, איננגעלע, ווי די וועלט וואלט אין א שעה ארום געדארפט חרוב ווערן.

בען האָט זי אָנגעקוקט, זי איז געווען אין די מיטעלע יארן. די באַקן ווילד באפארבט, און די אויגן, גרויסע, שווארצע, האבן געקוקט פרעך און צולאזן.

בען האט געטראכט: „איך וויים ניט צי די וועלט, אָבער מיין וועלט איז אוודאי חרוב".

די פרוי האט אנגענומען בענס שווייגן פאר א גוטן סימן:

— איז וואס, ליבינקער, זאָגסטו?

בען האָט אַלץ געשוויגן. זי האט זיך צוגערוקט נענטער צו אים:

— איך זע, מיין גוטהארציקער, אז דו געפינסט זיך אוים'ן שטערן מארס, ווייסט אפילו ניט וואס מען רעדט צו דיר, — און אז בען האט געשוויגן האט זי אים גערעדט אין אויער אריין:

— איך זאג, ליבינקער, קום מיט מיר, וועסטו פארגעסן אָן אַלע דיינע צרות. איך קען געבן א גוד טיים.

ערשט איצט האט בען פארשטאנען, וואס זי וויל פון אים. ער האט זיך אויפגעהויבן פון באנק און איז אוועק.

נאָך האַלבער נאכט האָט ער זיך דערפילט אויסגעשעפּט. ער איז געווען הונגעריק און מיד. ער האט פון מידקייט און צופיל ארומשפּאנען זיך ממש געוואקלט. ער האט אליין ניט געפילט ווי ער איז געבליבן שטיין ביי דער גרויסער קאטוילישער הויז, ביי זיין היים. — זאָל ער אָנקלינגען — די מידקייט, די שוואכקייט אין קערפּער האט ניט געלאזט דעם געדאנק ציען ווייטער.

ער האָט א קוועטש געטאן דעם עלעקטרישן קנעפּל. עס האט גע־דויערט א היבשע ווײַלע ביז ער האט דערהערט טריט...
דאָס ווייב האט געעפנט די טיר:

— אזוי שפּעט, — האָט זי זיך געבייזערט. — האָסט דאך אויפ־געוועקט די גאנצע הויז!

— אויב איך בין צו שפּעט, קען איך שוין גיין צוריק — האט בען אויפגעהערט שפּירן די מידקייט און זיך געגעבן א שטעל אין דער גאנ־צער לענג.

— נו, קום שוין אריין, — איז דאָס ווייב געווארן ווייכער.

בען איז אריין אין הויז. אראָפּגעצויגן פון זיך די קליידער און אריין אין בעט. ער האָט אבער ניט געקאנט שלאפן. אָן אומרו האט זיך אין אים פארקליבן, אַן אומרו וואָס קען טרייבן א מענטשן צו משוגעת. און דער רויטער לעמפּל וואס האט שטענדיק געברענט איבער יעזוס'עס סטאטוע, מיטן צלם און דער בלוטיקער וואונד אויפן הארצן האט צו אים נאָכאנאנד געוואונקען. און אז ער האט צוגעמאכט די אויגן און אָנגעהויבן דרעמלען, האָט זיך די יעזוס סטאטוע צעוואקסן און זיך געלאזט אויף אים...

בען האָט אויסגעשריען און זיך אויפגעזעצט.

— וואס איז, בען? — האָט דאס ווייב אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— גאָרנישט, — האָט בען א פּיר געטאן מיטן האנט איבערן פּנים און באלד זיך אנגערופן:

— עדנא, נעם כאָטש ארויס די יעזוס סטאטוע פון אונזער שלאָף צימער.

— דער אָנקל וועט ניט וועלן ליידן, — האָט דאס ווייב געענטפערט, — און גלאט וואס ארט דיר אז די סטאטוע איז דאָ?

— איך קען ניט פארטראגן, עדנא, — האט בען זיך געקלאגט. — עס דערמאנט מיר אָן דעם אידישן גורל, אָן דעם בלוטיקן אידישן וואנדער וועג.

— ביסט צו סענטימענטאל, בען, א מענטש טאר אזוי ניט זיין.

— סענטימענטאל... — האט בען געערדט מיט אנשטרענגונג, ווי עס איז אים געווען שווער צו רעדן. — סענטמעינטאל, זאגסטו. איך בין שטארקער פון אייזן, אז איך האלט דאס אויס. איך פרעג דיך, עדנא, זאג אליין, האסטו אנגענומען דעם אידישן גלויבן, האָסט התונה געהאט מיט מיר, געהאט קינדער. איצט, ניט נאָר ציסטו צוריק צו דיין גלויבן, נאר די קינדער ווילסטו ביי מיר אויך צונעמען. איך בין א טאטע, איך האב ליב די קינדער, פארשטייסט וואס דאס מיינט פאר מיר?

— עס מוט מיר אויך ווי, בען, אָבער איך קען זיך ניט העלפן. עס ציט מיר צו מיינע אייגענע, צו מיין רעליגיע. עס איז אמת, איך האב אפּ־געטאן א נארישקייט, אָבער דארף איך דערפאר באצאלן מיין גאנץ לעבן?

— און איך? — איז בען דערשטוינט געווארן פון דער ווייבס אָפענע רייד.

— דו? — האָט די ווייב גערעדט מיט געפיל, — אויב דיר איז ניט אנגענעם, אויב דו באשטייסט ניט, בין איך גרייט. איך וועל דיר געבן א גט.

— און מיט די קינדער וואס וועט זיין?

— די קינדער, — האט דאָס ווייב נאָכגעטראַגט — איך זאג דעם אמת. די קינדער וועל איך אפשר דערציען קאטויליש.

פון דער ווייבס לעצטע ווערטער האט בעני'ן א ברען געטאָן אין מוח: — און דאס וואס איך בין א איד און קען פארווערן?

— דער אָנקל זאגט, אז דו קענסט ניט פארווערן. איך בין די מאמע.

— אָ, דער אָנקל! — האט בעני'ן זיך געדאכט, אז דאס הארץ שטעלט זיך אים אָפּ און אין מוח ווערט אים מאָדנע לײדיק. און ווי עס טרעפט אָפט ביי אַ מענטשן פארן טויט, וואס אים נעמט אָפּ אלע ווייטאגן, האָט בען דערפילט מאָדנע לייכט. ער האט גערעדט כמעט רואיק:

— איך גיב צו, עדנא. איך האָב פארדינט די שטראָף. איך האב דאָס באדארפט ווסן איידער איך האב מיט דיר חתונה געהאט. די מאַמע האָט מיר נאָך דאַן געווארנט, אז געמישטע הייראטן לאזן זיך קיינמאָל ניט אוים גוט. איצט איז צו שפּעט. איך האב דאָס גאנצע לעבן פארשפּילט.

— זאג ניט דאָס גאנצע לעבן, בען. ביסט נאָך יונג, קענסט נאָך א סך דערגרייכן.

בען האָט ניט געענטפערט. ער איז געזעסן אין בעט איינגעדרייט. ער האט לאנג געשוויגן.

דאָס ווייב האט ניט געקענט אויסהאלטן:

— בען, וואס לייגסטו זיך ניט. עס איז שוין באלד פארטאָג און מיר האָבן נאָך קיין אויג ניט צוגעמאכט.

בען האט מאָדנע א לאך געטאן.

— לאכסט ווי א וואנזיניקער — האט דאס ווייב אומרואיק זיך א דריי געטאן אין בעט.

בען האט גארניט געזאָגט.

— איך בין טויט שלעפעריק, די אויגן קלעפּן זיך מיר צו, — האָט דאָס ווייב געזאגט און באלד איינגעשלאָפן.

בען איז אלץ געזעסן ווי איינגעפרוירן, מיט שטארע אויגן געקוקט אין דעם פארטאָגיקן דרויסן. א רעגן האט געגאָסן. טראָפּנס רעגן, ווי טרערן האבן גערונען איבער די שויבן. עס האט זיך געדאכט אז די שויבן, דער דרויסן, אלץ וויינט איבער דעם גורל פון א וואנזיניק געוואָרענעם מענטשן.

פארשפילט

עס איז געווען א שווערער ווינטער. דער פראסט האט זיך געשטעלט פרי. דער טייך וואס איז געלעגן אַן א זייט שטעטל, און זיך געצויגן א פערטל מייל לאנג, איז פארפרוירן געווארן אין אנפאנג ווינטער. דאס אייז איז געווען גלאט, געגלאנצט אנטקעגן דער ווינטערדיקער זון, גע׳כישופ׳ט און געלאָקט די יונגוואַרג זיי זאלן זיך קומען גליטשן. און די יוגנט פון שטעטל איז ניט געשלאפן. קליין און גרויס זיינען געגאנגען אהין מיט די אייזערנע גליטשערס. איינצלנע און אין פארלעך, האבן זיי זיך געגליטשט איבערן גלאטן אייז. די קערפערס צעווארעמט און די פנימ׳ער צעפלאמט. מען האט זיך געגליטשט קונציק, אויסגעמיטן איינע די אנדערע, זיך באגעגנט און זיך געגליטשט ווייטער. צווישן די אלע גליטשערס האט זיך אויך געפונען דיק. א הויכער, א שלאנקער, מיט א פנים בלוט און מילך, מיט א קאָפּ געקרויזטע האָר, אין א קורצן רימענעם מאנטל, איז ער, ווי אן אדלער וואס באהערשט די לופט געפלויגן איבערן גלאט־אויסגעשפרייטן אייז. גלייך מאיעסטעטיש, ווי א קונצן־מאכער, האט ער זיך געדרייט, פלינק און זיכער פארבייגעפלויגן אלעמען און זיך ניט אפּגעשטעלט. אָבער פלוצלינג האט ער דערפילט א שטויס, עמיצער האט זיך אָן אים אנגעשטויסן און איז געפאלן. דיק איז געבליבן שטיין: — א פיינער אידלמאן זייט איר, אומצואווארפן א מיידל — האָט א שיינער, צעלפאמטער פנים, מיט פייערדיקע אויגן און א קאָפּ בלאָנדע האר, גערעדט ליגנדיק אויפן אייז. דיק איז געשטאנען פאר דער מיידל ווי א פארלאָרענער אינגל: עס טוט מיר לייד וואס איר זייט איבער מיר געפאלן, האט ער זיך אנטשולדיקט און זיך ניט גערירט פון אָרט: — טאָ זייט כאָטש אן אידלמאן און העלפט מיר זיך אויפהויבן, — האָט די מיידל שטיפעריש באפוילן.

דיק האָט אנגענומען דאס מיידל פאר ביידע הענט און איר געהאלפן אויפשטיין. א קורצע מינוט זיינען זיי אזוי געשטאנען, האלטנדיק די הענט. ביידנס צעפלאמטע פנים׳ער האבן זיך נאָך מער צעפלאמט:

— איך קען אייך, נאר איך וויים ניט אייער נאמען — האט זיך דאס מיידל אָנגערופן.

— פון וואנען קענט איר מיך?
— איך האב אייך געזען אין וואודס קראָם.

— און איך קען אייער פאטער, — האָט דיק זיך אנגערופן, און באוואונדערט איר שיינעם, צעפלאמטן פנים. — ער שמידט אָפט אָן אונזערע פערד.

— אויב אזוי קענען מיר זיך דאך, האָט דאס מיידל שטיפעריש געזאָגט — טאָ לאמיר זיך גליטשן.

זי האָט אים, אָן צערעמאָניעס גענומען אונטערן ארעם. ביידע האבן זיך געלאזט איבערן גלאטן אייז.

— מיר גליטשן זיך און איך וויים נאָך אלץ ניט אייער נאָמען —

האָט די מיידל לאכנדיק געזאגט:

— מיין נאָמען איז דיק.

און מיינער איז פלאָסי.

— איר גליטשט זיך בעסער פון מיר, האט דיק געוואלט דער מיידל געבן א קאָמפלימענט.

— יע, איך האב ניט געוואוסט, אז איך גליטש זיך גוט, קיינער האָט דאס מיר ניט געזאגט — האט פלאָסי זיך געפילט געהויבן.

— מסתמא זיינען דאָ אויף אייך ניטאָ קיין מבינים.

— איר קענט זאָגן קאָמפּלימענטן.

— ניט קאָמפּלימענטן, נאָר דעם אמת.

ביידע זיינען אנטשוויגן געוואָרן. פון דער פּלוצלינגער באַקאַנטשאַפט פון דער נאָענטקייט האָט זיך אַ ליבשאַפט און וואַרימקייט צעגאָסן אין די אַזוי אויך צעוואָרעמטע קערפּערס, זיי האָבן דערפילט אַ יום־טוב׳דיקייט. וואָס נאָר פאַרליבטע קענען פילן. שווייגנדיק האָבן זיי זיך איצט געטראָגן איבערן אייז. ניט ווי זיי וואָלטן געווען אויף דער ערד, נאָר ווי זיי וואָלטן געפלויגן אין דער לופטן. זיי האָבן געמאַכט קיילעכדיקע קרייזן. זי האָט זיך שטייף אָנגעהאַלטן אָן זיין אָרעם: — איר זייט מיד? — האָט ער דער־נאָך אַ פרעג געטאָן.

— איך קען זיך נאָך גליטשן און גליטשן — האָט זי זיך געטו־ליעט צו אים. — מיט אייך איז דאָס זייער לייכט.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ דאַנקבאַרן בליק.

— איר זייט פאַרשוויצט, איר וועט זיך נאָך צוקילן, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב מורא פאַר אייער געזונט.

זיי זיינען אַראָפּ פון דעם אייז. ביידע האָבן אויסגעטאָן די גלי־

טשערס. די זון אַ פלאַם־פייערדיקע ראָד האָט זיך געטונקט הינטער אַ וואַלד נאַקעטע ביימער. אַ ווינטל האָט געקילט ביידנס צעפלאַמטע פּנים׳ער: — איך וועל שוין גיין אַהיים — האָט זי זיך אָנגערופן. — איך דאַרף נאָך צוגרייטן אָוונט ברויט.

— איך וועל אייך צופירן, — האָט ער אָנגעבאָטן.

— איר באַגלייט אַלע מיידלעך אהיים?

— ניט אַלע.

— און מיך יע?

— איר געפעלט מיר בעסער פון אַלע — האָט ער אַרויסגערעדט און ניט געקאָנט כאַפּן צוריק. זיי זיינען געגאַנגען אהיים. ער האָט געטראָגן אירע גליטשערס.

— איר גלויבט אין ליבע אויפן ערשטן קוק — האָט ער נאָך אַ שטיל שווייגן פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— און איר? — האָט זי אים צוריק געפרעגט.

— ביז היינט האָב איך ניט געגלויבט.

— און היינט יע?

— נעמט עס ווי איך געפעלט.

איר פּנים האָט זיך צעשטראַלט. ער האָט זי צוגעפירט צום הויז.

דערנאָך האָבן זיי זיך צוויי יאָר אַראָומגעפירט. וואו פלאָסי איז געווען, האָט דיק זיך נאָכגעשלעפּט. און וואו דיק, האָט זיך שטענדיק פלאָסי באַוויזן. עס האָט געזאָלט הייסן, אַז אין גיכן גייען דיק און פלאָסי חתו־נה האָבן.

איז דערפאר דער וואונדער געווען אַזוי גרויס, ווען אין שטעטל האָט זיך פּלוצלינג צעטראָגן די נייעס, אַז דער גלח פון שטעטל, אַן אַלמן מיט צוויי קליינע קינדער, וואָס אחוץ אַ גלח, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ האַלב שטעטל הייזער, וואָס איז אים איבערגעבליבן ירושה, האָט חתונה מיט דעם אָרימען שמיד'ס טאָכטער, די בלאָנדע פלאָסי, מיט די פייערדיקע

אויגן און דעם שיינעם חנ'עוודקן פּנם. עס איז אמת, די זאך איז ניט גע־קומען אזוי פּלוצלינג ווי עס האט זיך אויסגעוויזן. זינט דעם גלח'ס ווייב איז אים געשטארבן אין קינפּעט און אים איבערגעלאזן מיט א דריי יאָריק מיידעלע און א צוויי־וואָכיקער עופה'לע, האט דער גלח שוין צופיל פאר־בראכט ביים שמיד, כאָטש מען האט ניט געוואוסט וואס פאר א געשעפטן דער פרומער גלח קען האבן מיט דעם אומוויסנדן שמיד, וואס שטייט גאנ־צע טעג אין קוזניע און שלאָגט אָן פּאָדקאָוועס אויף פערדישע פיס, האבן אָבער די קלוגערע זיך אנגעשטויסן, אז דאס שדכנ'ט ער זיך צו דעם שמידס מאכטער, דער ניינצן יאָריקע בלאנדע פלאָסי, וואס פארמאגט טויזנט חנ'ען און א מאנסביל קען פאר איר איינגעמען א כפרה.

נאָך דער פּלוצלינגער נייעס האט דיק זיך ניט באוויזן אין שטעטל. ער האט זיך ארומגעדרייט איבער דעם טאטנס פארם. א פיינלעכער פארדרוס, וואס קאן איינעם טרייבן צו וואנזין האט אים נאָכאנאנד ניט אפּגעלאזן. א פארדרוס, וואס פלאָסי, זיין פלאָסי, זיין שמעקעדיקע בלום, זיין שיינער מלאך, זאל אים אזוי אפּטאָן. ער וואלט שוין ליבערשט זיך געלאזט אפשניי־דן א האנט אדער א פוס, איידער זען ווי מען נעמט ביי אים צו זיין פלאָסין. ער איז אבער אויך געווען שטאָלץ און דערפאר האָט ער זיך ארומגעדרייט איבער דעם טאטנס פארם און זיך געשטיקט מיט דעם פיינלעכן פארדרוס. ערשט דעם טאָג פון פלאָסי'ס חתונה מיט דעם גלח האָט ער זיך געלאזט אין שטעטל אריין.

די חתונה פון דעם גלח מיט פלאָסי'ן איז געווען א פאראדנע, ווי עס פאסט פאר א רייכן גלח. דער קלויסטער וואס איז געשטאנען ביים סוף שטעטל און שטענדיק געדרעמלט אין די הויכע סאָסנע בוימער, און אחוץ זונטיק ניט אָנגעזען א לעבעדיקן נפש, איז איצט געווען געפּאקט מיט מענ־טשן. די גאנצע שטעטל איז געגאנגען אָנקוקן די חתונה. דיק האט דארט אויך ניט געפעלט. די כלה האט אים אליין איינגעלאדן. זי האט גע־מענה'ט אז דיק איז א וואוילער בחור און מען טאר אים ניט פארשעמען. דער גלח האט ניט געהאט דאקעגן. דיק איז געקומען אָן אויסגעפּוצטער, אָבער דאס בלוט און מילך פנים איז געווען פארפינסטערט, ניט אויסגע־שלאָפן. ער איז געווען דערשלאָגן און אומעטיק, עפעס גאָר ניט יענער הוי־כער, שטאָלצער דיק וואס האט אלעמען געטראגן דעם גוטמארגן אנטקעגן

און פאר יעדן געהאט א גוטמוטיקן שמייכל. ער האט זיך ארומגעדרייט ווי אויף א פרעמדער חתונה, און צום סוף איבערגעלאזט די חתונה, ארויס פון קלויסטער און זיך געלאזט גיין צום קליינעם איינזאמען בית־עולם, וואס איז געשטאנען פונקט אנטקעגן קלויסטער. די נאכט איז געווען א פינסטערע און די מצבות ווי גרויסע פלעקן. דיק האט זיך געזעצט אויף א שטיין. גע־קוקט צו די שיינענדע פענסטער פון קלויסטער. דער טומל האט זיך פאר־טראגן צום בית עולם. עס האט זיך געדוכט די מצבות רירן זיך. אן איינ־זאמע, היימלאזע קאץ איז צוגעגאנגען צו דיק'ן, זיך גענומען שארן ארום זיינע פיס. דיק האט א גלעט געטאן די קאץ. די קאץ האט זיך געלייגט ביי זיינע פיס. מיט אמאל האט דיך דערהערט א שטיל רופן: — דיק וואו ביסטו?

דיק האט זיך אויפגעשטעלט. פאר אים איז געשטאנען פלאסי אין אירע חתונה קליידער.

— פלאסי, דו — האט דיקס שטימע געציטערט.

— יע, איך דיק. איך בין דיר נאכגעגאנגען. איך האב געזען ביסט אוועק צום בית עולם און אין קלויסטער איז אזוי פארשטיקט.

— יע, דארט שטיקט — און אין פלאסי'ס שטימע האט זיך געפילט א בענקשאפט.

— איך האב ניט געוואלט קומען, נאר איך האב ניט געוואלט די שטעטל זאל רחמנות האבן אויף מיר, אז אלע זאלן מיר באדויערן, בין איך געקומען מיט אלעמען גלייך.

— איך זע אז דו ליידעסט דיק — האט די פינסטערניש פארשטעלט פלאסים פארטרערטע אויגן — איך האב ניט געוואוסט אז דו וועסט עס אזוי נעמען. איך האב אויף דיר רחמנות דיק.

— איך דארף ניט דיין רחמנות — האט דיך אווארף געטאן.

— ביסט גערעכט דיק, דארפסט ניט מיין רחמנות — האט פלאסי

אנגענומען דיק'ן פאר א האנט — דארפסט אבער ניט זיין ברוגז אויף מיר. טאטע־מאמע האט זיך פארוואָלט יחוס, א גלח פאר אן איידעם, און אזא עשירות.

—האָסט דאך צוגעשטימט? — האָט דיק געוואלט דורך דער שטאַרער פינסטערניש דורכדרינגען פלאָסי'ס פּנים.

— איך ווייס ניט דיק — האט פלאָסי ניט אפּגעלאזט דיקס האנט— עס איז געקומען אזוי פלוצלינג. איך האב אפילו ניט איבערגעטראכט. מיט־אמאָל האט זיך דיק א וואָרף געטאן צו פלאָסים פּיס: — פלא, פלא — האט ער געקרעכצט — טו דאָס ניט, האב ניט חתונה מיטן גלח. ער וועט דיך ניט מאכן גליקלעך. קענסט נאָך חרטה האבן. עס איז נאָך ניט צו שפּעט! איך קען ניט לעבן אָן דיר, איך וועל אונטערגיין!

— איצט, ווי אזוי קען איך? — האָט פלאָסי ארומגענומען דיקס קאָפּ, — ווי אזוי קען איך עס איצט טאָן, אז אלע ווארטן דארט. די גאנצע שטעטל איז פארקליבן. מאכן לייטישע געלעכטער, און פארשעמען דעם גלח. איך קען ניט דיק, איך האב ניט דעם מוט דערצו. טאטע־מאמע וועלן מיך פארטרייבן!

— טאָ גיי צום גלח! — האָט זיך דיק געגעבן א שטעל אויף.

— פלאָ. פלאָסי, וואו ביסטו פארשוואונדן? — האָט זיך דעם גלח'ס שטימע דערטראָגן צום קליינעם בית עולם.

פלאָסי האט דיק'ן א פליסטער געטאן אין אויער: — זיי ניט שלעכט צו מיר, דיק, קום צוריק אין קלויסטער, איך קען דיך ניט זען אזא אומע־מיקן. — און זי איז אנטלאָפן.

דיק האט זיך געלאזט גיין ארויס פון בית עולם. די הייםלאזע קאַץ האָט זיך געפּלאנטערט ארום זיינע פיס. ער איז געגאנגען אן א ציל. גע־מאכט לאנגע שפּרייזען, און אז ער האט זיך געכאפּט, אז ער איז מיילן ווייט אוועק פון שטעטל, האט ער זיך געלאזט צוריק. אין קלויסטער איז

שוין געווען פינסטער, אלץ איז געווען שטיל, שטיל און פינסטער, נאר די איינענע הארץ האט געקלאפט האסטיק, און די איינזאמע הימלאזע קאין האט זיך ווידער באוויזן, און זיך געפלאָנטערט ארום זיינע פיס.

אויף מאָרגן נאָך פלאָסי'ס חתונה איז דיק פארפאלן געווארן פון שטעטל. אין א האלב יאר ארום האט ער זיך באוויזן צוריק. פלאָסי האט אים אָנגעטראפן אין גאס: אָה, דיק ביסט שוין דאָ צוריק! — האט זי זיך שיעור ניט ארומגעכאפט מיט אים. — פארוואס קומסטו ניט ארויף צו מיר?

— און וואס וועט זאגן דער גלח? — האט דיק אנגעקוקט פלאָסי'ן

— דעם גלח ארט ניט. ער האט זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף דיר. סיי ווי, ער איז אוועקגעפארן. וועסט אים ניט טרעפן.

— און וואס האב איך צו דיר איצט צו קומען — איז דיק געווען ארויסרופנד.

— פילסט צו מיר טאקע גאר קיין פריינטשאפט ניט, הא דיק? — האָט פלאָסי זיך איינגענעסן אין דיקס פארענדערטן פנים.

— און וואס איז דיר איצט נוגע וואָס איך פיל?

פלאָסי האט אויפגעכאפט זיינע ווערטער. זי האט זיך א כאפ געטאָן: — דיק, אז דו ביסט שוין ביי מיין הויז קום ארויף, וועסט אָנקוקן מיין באלעבאטישקייט.

דיק האט זיך געלאזט צורעדן. ביידע זיינען ארויף צו פלאָסי'ן אין הויז. אלץ איז געווען אויפגערוימט. די נייעסטע מעבל האבן געדעדט פון לוקסוס און רייכטום. א קליין געל קאנאריקל אין א שטייגל האט געטרילעט און פארגאָסן די לופט מיט ווייטאקדיקער איינזאמקייט. דיק האט זיך ארייגעזעצט אין א ווייכער געבלימלטער סאָפע. ער האט זיך אנגערופן: — איך בין צופרידן וואס דיר גייט אזוי גוט.

— שיינע מעבל זיינען נאָך ניט אַלץ, דיק, — האָט פלאָסי אַריינגעוואָרפן.

— שיינע מעבל זיינען אָבער באַקוועם און שיין פאַרן אויג, — האָט דיק ניט פאַרבייגעלאָזן פלאָסי'ס באַמערקונג.

— פאַרן אויג יע, אָבער ניט פאַרן האַרצן. אַז די האַרץ בענקט העלפט ניט קיין שיינע מעבל.

— האָסט אַ גלח פאַר אַ מאַן, וואָס נאָך ווילסטו?

פלאָסי האָט זיך צוגעזעצט נאָענט צו דיק'ן: — דו מיינסט אַז מיר איז גוט, האַ דיק?

— אַ מענטש קלייבט זיך אַליין ניט אויס דאָס ערגסטע.

— פלאָסי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דיקס אַקסל, און אים געקוקט גלייך אין די אויגן: — האָסט מיך נאָך ליב, דיק, זאָג דעם אמת?

— דער אמת טוט וויי, פלאָסי. עס איז בעסער אַז מען רעדט ניט פון דעם.

און גאָר פּלוצלינג האָט פלאָסי אַרומגענומען דיק'ס האַלדז און אַרויסגעבליפּעט:

— מיר איז שלעכט דיק, זייער שלעכט.

— שלעכט, — איז דיק געזעסן צוטומלט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— יע, גלויב מיר, מיר איז שלעכט. איך האָב פיינט דעם גלח. איך קען אים ניט פאַרטראָגן. איך קען ניט ליידן ווען ער נעמט מיך אַרום. און אַז ער קריכט מיט די הענט, איז ווי אַ זשאַבע וואָלט איבערן לייב אַרומגע-

קראַכן. ער איז אזוי קליין און דאר ווי א טרוקענער הערינג, און דו ביסט אזא שיינער און געזונטער. נעם מיך ארום, דיק, זאָג אז דו האָסט מיך ליב. דיך וויל איך האָבן. דיק, דיק... — זי האט זיך א וואָרף געטאָן צו אים אין שוים, און מיט לײַדנשאַפט גערעדט: — איך האב די גאַנצע צייט געבענקט נאָך דיר. איך וויל זיין דיינע דיק. נעם מיך...

דיק איז געזעסן ווי א געפּלעפּטער. א ווײַלע האט ער זיך געלאָזט ארומנעמען קושן פון פלאָסי'ן. נאָר מיט אמאָל ווי ער וואלט זיך אָן עפּעס דערמאַנט, האָט ער זי געגעבן א טרייסל אָפּ פון זיך, און זיך געגעבן א שטעל אויף. קאַלט און גלייכגילטיק האָט ער זי אָנגעקוקט, און אפילו אָן גאָל א זאג געטאָן: — האָסט אוודאי געמיינט וועסט אי קענען קויליענען די גאַנדז אי האָבן די גאָלדענע אייער. טאָ שלאָג זיך דאָס דיר ארוים פון קאָפּ. איך בין ניט פון יענע, וואס זוכן עס, און דו, וואס דו האסט זיך אויסגעקליבן דאָס האסטו!

— ניט אמת, ניט, — האָט פלאָסי זיך געשטיקט מיט געוויין. — איך האב דאָס אליין ניט אויסגעקליבן. די עלטערן האבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר. ניט אויפגעהערט האמערן מיר אין קאָפּ אריין, איך זאָל חתונה האָבן פארן גלח. איך האָב זיך געלאָזט צורעדן, געמיינט...

— אָבער עס איז דאך שוין אפגעטאָן — איז אין דיקס שטימע געווען אנטשלאָסנקייט, — און הער, פלאָסי, מיין ניט, אז מיר איז געווען גוט. איך האָב געליטן, געמיינט איך וועל פון זינען אראָפּ. איך בין אוועק־געפאָרן און געמוזט קומען צוריק. עס האָט מיר געצויגן צו דיר. איך האָב געוואָלט כאָטש זיין מיט דיר אין איין שטעטל, כאָטש אָנקוקן דיך פון וויי־טן. אָבער איצט האסטו מיך באפרייט פון דעם אלעם. איך פיל זיך ווי א שווערער חולה, וואס האָט איבערגעלעבט א קריזיס. און אז דער קריזיס איז אריבער האָט ער זיך דערפילט ווידער פריי און מונטער. אויב דו קענסט אזוי האנדלען הינטער דעם גלח'ס פּלייצעס, וואָלסטו אויך געקאָנט אזוי האנדלען הינטער יעדן מאנס פּלייצעס. איך האָב געגליבט אין דיר דיין צניעות, דיין נאַאיווע אומשולד. איך האָב געמיינט ביזט גוט ווי א מלאך. האָסטו מיר איצט געעפנט די אויגן. וועל איך ווידער קענען רואיק אָנגיין אין לעבן.

— ביסט אזוי גרויזאם, דיק.

— גרויזאם, אָבער ערלעך.

— ערלעך, — האָט פלאָסי געצויגן דעם וואָרט און טרויעריק גע־קוקט פאר זיך. א טיפער צער האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן, א צער וואָס קומט פון חרטה, פון א פלוצלינגען באוואוסטזיין, אז מען האָט מיטן אייגענעם ווילן איינגעשטעלט אין קאָן און פארשפילט דאס גאנצע גליק. זי האָט טרויעריק געזאגט: — אָט אזוי איז דאס, דיק. א מענטש לאזט זיך איינרעדן. ער מיינט עס וועט אין דער אמת'ן אזוי זיין. און דערנאָך ליידעט ער איבער דעם א גאנץ לעבן.

יע, אזוי איז דאָס — איז דיק שוין געשטאנען ביים טיר, — ווען מען ספעקולירט מיט געלט און יחוס פארלירט מען מער מאל ווי מען גע־ווינט. און הערסט, פלאָסי האט ער צוגעלייגט: — נעם מיין עצה, האסט חתונה געהאט, האָסט א מאן, טראכט פון אים.

דיק איז ארויס. פלאָסי האט געקוקט צו דער צוגעמאכטער טיר. אין אירע ברייט צעעפנטע אויגן זיינען געשטאנען טרערן. זי האט ארויסגעמור־מלט: — מיין שיינער, ערלעכער דיק!

א פארשפּילט לעבן

די יונגע זעכצן יאריקע ראזי האט פארלאזן די הויף־שולע און גע־נומען ארויסהעלפן טאטע־מאמע אויף דער פארם. זי האט רחמנות געהאט אויף דער מאמען וואס טוט די גאנצע הויז ארבעט און מוז נאך ארויסהעלפן דעם טאטן אויפן פארם. ראזי פון דער נאטור א גוט הארציקע האט ניט געקענט צוזען ווי די מאמע איז איינגעשפּאנט אין יאך פון פארטאג ביז שפּעט אין אוונט. באלד ווי דער האן גיט א קריי איז שוין די מאמע אויף די פיס, שפּאנט ארום ביז די פיס ווערן איר געשוואלן, און ערשט אין אוונט לייגט זיך די מאמע אין בעט, קרעכצט וואס זי האט ביי איר מאן אזא דאליע און מוז ארומגיין ביז די פיס ווערן איר געשוואלן און ארום די קנעכלעך בלאזן זיך אויף די בלוי ווערידקאזע אדערן און טוען אזוי וויי ווען מען רירט זיי אן. און אז זי האט געהאלטן אין א שיסל וואסער די פיס און געבאדן די אויפגעבלאזענע קנעכלעך, האט דער מאן גע־טענה'ט:

— ווייב, פארוואס שטייפסטו ניט איין די פיס מיט שמאטעס וואלטן זיי אזוי ניט אנגעשוואלן.

און די ווייב ענטפערט:

— אז דו ביסט מיר אזא געטרייער מאן, פארוואס נעמסטו ניט אריין אן ארבעטער א גאנץ יאר.

— די פארם טראגט ניט גענוג, דו ווייסט עס אליין ווייב.

— אבער וואס זאל איך טאן מיט מיינע פיס, זעסט דאך וואס פארא פנים זיי האבן.

ראָזי האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך און באַשלאָסן אויפגעבן דאָס לערנען און העלפן דער מאַמען זי זאָל ניט דאַרפן זיך אַזוי אַרויסשלאָגן פון די כּוחות. ראָזי האָט געטאָן הויז אַרבעט, געהאָלפן מעלקן די בהמות, געגעבן עסן די חזירים געקאָרמעט די הינער, אַפילו טרייבן דעם טראַקטאָר האָט זי זיך אויסגעלערנט און אַז עס איז אָנגעקומען דער פרילינג, האָט זי געהאָלפן זייען, צוגעטשעפּעט דעם אַקער צום טראַקטאָר און אַליין אויפגעריסן די ערד צום זייען. זי איז געווען פלינק, רירעוודיק און האָט געטאָן אַלץ ווי אַ דערוואַקסענע. נאָר ווען עס איז אָנגעקומען שניט צייט האָט דער טאַטע אויף אַ פּאָר מאַנאַטן געדונגען אַן אַרבעטער. און אָט די לעצטע צוויי זומערדיקע מאַנאַטן האָבן עס געמאַכט אַזאַ איבערקערעניש אין ראָזי׳ס לעבן. די מאַמע האָט דערנאָך אין גאַנצן ווייטאַקדיקן לעבן געקלאָגט: „אַז עס דאַרף קומען אַ צרה, קומט עס אין הויז אַריין”. און עס איז געווען אמת. געבראַכט האָט די צרה אין הויז אַריין, — דזשים, דער נייער אַרבעטער, וואָס זיי האָבן געדונגען אויף די פּאָר זומערדיקע מאַנאַטן.

דזשים, אַ קלוגער, געזונטער און שיינער יונג, האָט אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אויפן פאַרם זיך שוין גענומען חנ׳דלען צו ראָזין. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער שיינער, שטאַרקער דזשים האָט דער יונגער זיבעצן יאָריקער ראָזי׳ן פאַרכּישופט, אָנגעצונדן אַ פלאַם. ראָזי האָט באַלד דערפילט ווי זי קען זיין כּישוף ניט אָפּטרייבן, און אַז דער טאַטע און די מאַמע זיינען זונטיק אַוועק אין קלויסטער גאָט בעטן, האָט דזשים גאָר פלוצלינג אַרומגעכאַפּט ראָזי׳ן ווי אַ משוגענער און זי גענומען קושן. ראָזי האָט זיך אין דזשימס הענט געצאַפּלט. דזשים האָט זי אין זיינע שטאַרקע אָרימס געטראָגן צום בעט, ראָזי האָט זיך פאַרלוירן, איר יונגער מוח האָט ניט געטראַכט וואָס פון דעם קען אַרויסקומען, עס איז געווען ווי אַ פייער וואָלט זיך אָנגעצונדן אַ פייער און זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין הייסן פלאַם...

נאָכדעם האָט זיך אַ שרעק באַזעצט אין ראָזי׳ס האַרצן, אָט וועלן דורכלויפן די פּאָר מאַנאַטן און דזשים וועט אַוועק, און ווען זי איז מיט דזשימען אין אַ זוניקן טאָג געשטאַנען אויף די קני און געריסן רויטע ווייַנפּערלעך ווי פּערל, אָנגעגאָסן מיט רויטן וויין, פון נידעריקע דינע בוימלעך, האָט זי זיך אָנגערופן:

—דזשים, פּאָרסט באַלד אוועק.

דזשים האָט דאַן אויפגעהערט רייסן די רויטע וויינפּערלעך און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אין דיינע הענט, ראָזי.

— אין מיינע הענט?

— איך מיין — האָט דזשים געזאָגט מיט ערנסט — איך בין גרייט מיט דיר חתונה האָבן אַפילו מאָרגן.

— מיינסט עס ערנסט דזשים?

— ביזט נאָך גאָר אַ קינד ראָזי, — האָט דזשים זי אָנגענומען פאַר דער האַנט — פּאַרוואָס זאָל איך דאָס ניט מיינען, ווער מיינסטו בין איך.

כ'וועל נאָך היינט זאָגן טאַטע־מאַמע — האָט ראָזי זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט אַן אויפגעהייטערטע, און פון פרייד וואָס זי גייט חתונה האָבן מיט דזשימען, האָט זי גענומען קאָקעטירן פאַר אים געשלעפּט די קורצע קליידל איבער די אָן זאַקנדיקע פיס און געדרעדט ווי אַ צעבאַלעוועטע קינד:

— וואָס זאָגסטו דזשים, אַ לאַנגע חתונה קלייד וועט מיר פּאַסן?

דערנאָך האָט זי אָנגעריסן בלימלעך וואָס זיינען געוואַקסן אַרום די בוימער אויסגעפּלאָכטן אַ קרוין און זיך אָנגעמאַסטן אויפן קאָפּ.

— זע, דזשים, קוק איך ניט אויס ווי אַ פּרינצעסן. אַז איך וועל מיט דיר חתונה האָבן וועל איך זיין אַ פּרינצעסן און דו דער פּרינץ.

דזשים האָט געקוקט אויף ראָזי'ן אַן אַנגעכמורעטער, אַ ניט אויפגעלייגטער, און געהאַט דעם אויסדרוק ווי ער וואָלט איבער עפּעס באַדויערט, וואָס ראָזי פרייט זיך און איז אַזוי קינדיש אויפגעלייגט. ראָזי האָט באַמערקט זיין האַלטונג און אַ דערשראָקענע אויסגערופן:

— דזשים, וואס קוקסטו מיך אַן אזוי, ביזט ניט גליקלעך וואס דו גייסט מיט מיר חתונה האבן, דזשים, זאָג?

און דזשים, נאָך אלץ אַן אַנגעכמורעטער האט ארטיסגעברומט:

— דיין טאַטן וועט ניט אנשטיין דער שידוך.

— הא, דאָס, — האָט ראזי'ן עפּעס א ברי געטאָן — זי האט גע־זאָגט אנטשלאסן מיט א בייזקייט — וועל איך אויסזאגן דעם אמת.

דזשים האָט זיך אויף א ווײַלע פארטראכט און דערנאך א זאָג געטאן:

— מען דארף ניט ראָזי, ער וועט מיך ארויסטרייבן, און דיך אויך, איך בין עלטער פון דיר, איך קען בעסער מענטשן.

— זאָל ער, האט אין ראזי'ן באצייטנס אַנגעהויבן ברענען א פאר־דרוס אויפן טאַטן, אָבער באַלד איז דער פארדרוס אפּגעטראטן און די האָפ־נונג וואס קומט שטענדיק צו הילף דעם מענטשן אין שווערע מאָמענטן האט אויך א לויכט געטאָן אין ראָזי'ס הארצן. זי האט געזאגט כמעט זיכער:

— קענסט ניט מיין טאַטן דזשים, ער איז ניט קיין שלעכטער, ער וועט באַרגייפן, ער האט מיך ליב דזשים.

— ווייל דו ווילסט אזוי — האָט דזשים נאָך אמאָל א ברום געטאן.

— דזשים שוויג, — האָט ראָזי א זאג געטאן באפעלעריש — פון דיר רעדט ארוים דער טיוול.

— ניט דער טיוול ראָזי, נאר די דערפאַרונג.

— וויפל מאל האָסטו שוין געהאט אזעלכע דערפארונגען? — האָט ראָזי געפרעגט און געקוקט פארוואונדערט אויף דזשימען.

— ניט פון זיך אליין, נאר פון אנדערע, איך האב זיך גענוג אנ־געזען און געהערט פון אזעלכע טאטעס.

און ראזי האט מיט שטאלץ געענטפערט:

— אבער מיין טאטע איז ניט פון די אנדערע, וואס דו האסט געזען, און געהערט, און מער וויל איך פון דיר אזעלכע רייד ניט הערן, הערסט דזשיר.

דזשים האט מער גארניט געזאגט און גענומען וויטער רייסן די רויטע ווייגפערלעך.

נאך דעם זעלבן אוונט האט ראזי געזאגט די עלטערן אז זי וויל חתונה האבן מיט דזשימען. דער טאטע האט זיך צעלאכט מיט א ווילד געלעכטער.

— כא, כא, מיט וועמען ווילסטו חתונה האבן, מיט אט דעם האובא, דעם וואנדערער וואס וועט פאר דיר קיינמאל קיין לעבן ניט מאכן, ביזט נאך א שנעק ראזי, ווייסט ניט וואס דו ווילסט.

ראזי האט פארביסן די ליפן, געזען אז דער טאטע איז איינגעשפארט און באשלאסן אז זי וועט דזשימען ניט פאלגן, זי וועט דערציילן דעם אמת...

אויף מארגן, נאך איידער זי איז געגאנגען אין פעלד העלפן דזשימען צו ארויסרייסן דאס ווילדע גראז ארום די קארטאפלעס האט זי דעם סוד פארטרויט דער מאמען. פון דעם סוד, האט די מאמע זיך א זעץ געטאן אויף א שטול א האלב פאר׳חלושט׳ע און אז זי איז געקומען צו זיך האט זי ארויסגעפלאצט:

— ראזי, וואס זאגסטו, וואס רעדסטו, ביזט ניט אמאל אראפ פון זינען!

ראזי האט דער שטורעם דערווארטעט און כדי ניט דערלאזן און

פארמיידן א סצענע, איז זי ארויסגעלאפן פון הויז און זיך געלאזט צום פעלד פון די קארטאפלעס... אויפן פעלד האט שוין דזשים געריסן מיט די ווארצלען די ווילדע גראז און ראזי א פארוויינטע איז צוגעלאפן צו אים:

— די מאמע האט מיר שוין אפגעשפילט א סצענע.

— האסט טאקע דערציילט דעם אמת?

— דעם גאנצן אמת.

— און דער טאטע?

— דער טאטע ווייסט נאך ניט.

— ער וועט אפשפילן נאך אן ערגערע סצענע — האט דזשים גע־זאגט מיט איבערצייגונג און אין זיין שטימע האט זיך דערפילט פארדרוס. ביי ראזי'ן אין הארצן האט זיך פארקליבן א שרעק, אז דער טאטע וועט טאקע ניט וועלן, וואס וועט זי טאן. דזשים קען דאך פאר איר קיין לעבן ניט מאכן, און זי... גאט ווען דער טאטע זאל טאקע ניט וועלן.

אין אוונט האט די מאמע דעם סוד פארטרויט דעם טאטן. דער טאטע איז אזוי אריין אין דער רציחה פון דער דאזיקער ענטדעקונג, אז ער האט דאס ערשטע דזשימען וואס עס קומט אים און באלד געהייסן פארלאזן דאס הויז, און פון דער טאכטער האט ער זיך אויך אפגעזאגט, ניט געוואלט זי מער האבן אין הויז. די מאמע האט געוויינט, געוואלט איינשטילן דעם מאן, זיך ביי אים געבעטן:

— טים, וואס טוסטו, מאכסט אומגליקלעך דאס קינד. בארעכן זיך טים, ברענגסטו דאך אום דיין אייגענע טאכטער.

אבער טים, דער מאן און דער טאטע איז שוין געווען אזוי אריין אין דער רציחה אז ער האט זיך אפילו ניט צוגעהערט צו דער ווייבס רייד פון נארניט געוואלט וויסן.

— איר טוט אייער טאַטעער גאר קיין טובה ניט מיט דעם — האט דזשים האַלטנדיק דעם איינגעפּאקטן וואַליז אין האנט געזאָגט צום צע־רייצטן טאַטן, און א שטייפער, א פארביסענער מיט פאראכטונג צום צע־רייצטן מענטשן וואס וויל ניט הערן פון קיין לאָגיק, איז ער ארויס פון הויז.

איצט האָט זיך די מאַמע גענומען בעטן ביי דער טאַטעער אז זי זאָל ניט אוועק פון הויז. זי האט גע׳טענה׳ט:

— דיין טאַטע איז א משוגענער, ער וועט זיך בארואיקן, ער ווייסט דאָך איצט אפילו ניט אויף וואס פאר א וועלט ער איז. אָבער די טאַטעער האט זיך איינגעשפּארט, ניט געוואָלט בלייבן אין הויז.

די מאַמע האָט פאר איר געוויינט:

— וואוהין וועסטו גיין. ביזט נאָך אזוי יונג, וועסט זיין עלנד טאַכ־טער, בלייב אין דער היים.

און ראָזי האט אליין ניט געוואוסט וואו עס האט זיך ביי איר גענו־מען אזוי פיל מוט. זי האט איינגעפּאקט אירע זאכן און געזאָגט דעם טאַטן אז קיינמאָל וועט איר פוס ניט אריינטרעטן אין דער הויז, און זי איז ארויס.

זי איז אוועק אין שטאָט און איז געוואָרן א דינסט. געארבעט שווער און פארדינט אויף איר לעבן. א פּאָר מאָל האט זי אנאָנסירט אין צייטונג אין „פערזענלעכעס". דער אנאָנס האט זיך געלעזן:

„ליבער דזשים, איך ווייס אז דו האסט מיך ליב, אז דו ביזט אוועק, ווייל דו ביזט בייז אויף מיין טאַטן. אָבער וואס בין איך שולדיק אז דער טאַטע האט דיך אזוי מיאוס באהאנדלט. איך האב דיך ליב דזשים, איך בין עלנד און אומגליקלעך. קום צו דיין ראָזי׳ן".

כסדר האט זי געהאָפט אז דזשים וועט זיך אויף דעם אנאָנס אפּרופן. אז יעדע מינוט וועט ער בלייבן שטיין פאר איר, איר ליבער שטארקער דזשים און זי וועט זיך ווארפן אין זיינע אָרעמס. דזשים מיין דזשים...

אָבער דזשים איז ניט געקומען. ער האָט זיך ניט באַוויזן.

ווען דער בויך האָט אָנגעהויבן רייסן די אויגן און זי האָט מער ניט געקענט אַרבעטן איז זי אַוועק וואוינען אין אַ באָרדינג הויז. אין נײַנטן מאָנאַט ווען זי האָט דערפֿילט ווייען, איז זי אַוועק אין האָספּיטאַל און דאָרט שוין פֿאַרבליבן.

די טעג וואָס די יונגע ראָזי איז געלעגן אין קימפּעט האָט זי נאָכאַנאַנד געשוויגן, איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געהיימניש און די קימפּעטאָרינס אַרום האָבן מיט איר בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך. זי האָט נאָכאַנאַנדער געקוקט שטום און פֿאַרצווייפֿלט. נאָר דאַן ווען מען האָט איר צוגעטראָגן דאָס נײַ געבוירן נפֿש'ל און די נוירס האָט עס אַרײַנגעלייגט אין אירע הענט און אַ זאָג געטאָן:

„היער איז יור באָנדל אָף העפּינעס".

האָט דער שנייער בלאַסער פּנים פֿון דער קימפּעטאָרין זיך צעשמייכלט און די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ליכטיק פּייערל וואָס האָט געערדט פֿון הייסער גרעניצלאָזער ליבע. זי האָט דעם זעקס פּונטיקן „באָנדל אָף העפּינעס" שטייף געטוליעט צו זיך ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז מען וועט עס בײַ איר צונעמען. אויף שטענדיק פֿון איר צונעמען און אַז דאָס קינד אָהט געזויגן די מילך פֿון איר ברוסט, האָט זי געגלעט די שיטערע הערעלעך פֿון דעם קינדס קעפּעלע און עס געגעבן טויזנט ברכות. און ווען די נוירס האָט נאָכ'ן זויגן צוגענומען דאָס קינד איז זי ווידער געלעגן ווי אַ פּאַר'חלושטע און דער בלייכער פּנים איז געוואָרן אַ טויטע מאַסקע.

ראָזי האָט זיך געפֿילט זייער אומגליקלעך, עלנד ווי אַ יונג ביימל אין אַ מדבר. צו אַלעמען זײַנען געקומען באַזוכער, צו איר — קיינער ניט. טאַטע־מאַמע, דזשים, אַלע זײַנען געווען ווייט און זי אַליין צווישן די פֿרעמדע מענטשן. און כאָטש אַרום האָבן די קימפּעטאָרינס זיך איבערגערעדט פֿון די בעטן, זיך דערציילט מעשׂות, געזאָגט וויצן, אַמאָל גראָבע וויצן און געלאַכט, איז עס אָבער איר גאָר ניט אָנגעגאַנגען, ווי זי וואָלט בײַ זיך באַשלאָסן, אַז זי טאָר קיין לאַך ניט טאָן, אַז דאָס לעבן מיט אַלע פֿריידן איז

ניט פאר איר באשאפן — ראזי האט אבער ניט געוואוסט אז די מאמע רייסט דארט איין וועלטן, זוכט זי ארום אין אלע שטאטישע האספיטאלס. די מאמע האט גענוי אויסגערעכנט אז אין דער צייט דארף ראזי האבן דאס קינד און אז זי דארף זיך ערגעץ געפינען אין א האספיטאל. איין זאך איז איר אבער געווען א שטער. זי האט ניט געוואוסט אויף וואס פאר א נאמען ראזי רופט זיך, זי האט דערפאר איינגעשטעלט און נאכגעפרעגט זיך אויפן מיידלשן נאמען.

און אז איין טאג איז אין א שטאטישן האספיטאל א נוירס אריין אין דער קימפעטארינס אפטיילונג און א פרעג געטאן צי דא געפינט זיך ניט איינע מיט אזא און אזא מיידלשן נאמען, האט ראזים בלייכער פנים זיך אנגעצונדן ווי א פלאם, ווי דאס גאנצע ביסל בלוט וואס זי פארמאגט וואלט איר אריין אין פנים און ווען די נוירס האט שוין געוואלט ארויסגיין האט ראזי ארויסגעשטאמלט אז דער מיידלשער נאמען איז אירער.

די קימפעטארינס האבן זיך איבערגעקוקט. עפעס איז זיי מיט אמאל אלץ קלאר געווארן. זיי האבן פארשטאנען פארוואס די יונגע קימפעטארין האט די גאנצע צייט אזוי פארעקשנט און פארצוויפלט געשוויגן.

די נוירס איז ארוים ניט זאגנדיק קיין ווארט. און אז די מאמע איז נאך געשטאנען ביים טיר האט די טאכטער זי דערקענט און ווי זי וואלט מיט איינמאל אלע אירע כוחות צוריקגעקראגן, האט זי אויסגעשריגן:

— מאמע!

— טאכטער! — איז די מאמע געלאפן אנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די קימפעטארינס האבן געוויינט, זיך געווישט די אויגן, געקוקט ווי די מאמע האלט ארומגענומען דער טאכטער, און קושט זי אין פנים, אין די האר און וויינט:

— מיין טאכטער, מיין ארימע, ארימע טאכטער.

אויפן פערצנטן טאג האט מען ראזין אויסגעשריבן פון האספיטאל. די מאמע האט געדונגען פאר איר א צימער מיט עסן אין א באדינג הויז, ראזי זאל זיך קענען אויסרוען פון קימפעט און ווערן שטארקער.

אָבער מער ווי א וואך האט ראָזי אין דעם צימער ניט געקענט פאַר־בלייבן, דאָס קינד האָט אזוי געשריגן אין די נעכט אז עס איז פשוט געווען א וואונדער וואו עס נעמט זיך ביי א פיצל נפש אזויפיל כוחות צו שרייען, די באַלעבאָסטע האָט ראזי׳ן פראסט געזאָגט זי זאל זיך זוכן א וואוינונג ערגעץ אנדערש. ראָזי האט געהאט פון דעם עגמת נפש: קיינער וויל ניט ליידן דאָס וויינען פון א פרעמד קינד. זי וועט מסתמא אָפט מוזן בייטן די וואוינונגען צוליב דעם קינד. אבער די גרויסע ליבע צום קינד האט איר אין אלץ געמאכט פארגעסן. זי האט דאָס קינד נאָכאנאנד געגלעט און גע־קושט און אזוי ווי זי וואלט עס געוואלט טרייסטן האט זי גערעדט צו דעם:

— קיינער וויל דיך ניט האבן, אבער ביי מיר ביזטו אלץ וואס איך פארמאָג אין לעבן. קינד, קינד, קינדעלע, איך האב דיך אזוי ליב. און זי האָט דערנאך געטראכט אז דאס לעבן איז אזוי מאָדנע קאפריזנע. עס האט איר אזוי פיל צרות אנגעטאָן. אזוי פיל עגמת נפש געהאט פון דעם און זי האָט עס אזוי ליב, אזוי פארצווייפלט ליב. און ווי אזוי קען מען עס ניט ליב האָבן, אז עס קוקט מיט די אייגעלעך אויף איר ממש עס בעט זיך ביי איר. „האָב מיך ליב, האָב מיך ליב" און אז דאס קיילעכדיק פנים׳ל ווי אן עפעלע צעשמייכלט זיך צו איר, איז ווי אזוי קען זי עס ניט ליב האָבן?

אויף דער פערטער וואך האָט די מאמע דעליקאט פארפירט א גע־שפרעך מיט דער טאָכטער:

— טאָכטער, וואס דענקסטו צו טאָן?

די טאָכטער האט פון דער מאמען אזא פראגע דערווארטעט.

— וואס דענקסטו דארף איך טאָן מאמע — האָט די טאכטער גענפרעגט.

נאָך א קורץ שווייגן האט די מאמע א זאָג געטאָן:

איך דענק, אז דאָס גלייכסטע איז אדאָפטירן דאס קינד.

אזא פֿאַרשלאַג פֿון דער מאַמען האָט זי ניט דערוואַרטעט. זי האָט אָנגעשטעלט אויף דער מאַמען אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו מאַמע!

— הער ראָזי — האָט די מאַמע גערעדט ווייך מוטערלעך — איך בין אַ מאַמע און איך וויים, וואָס עס מיינט אוועקגעבן אַ קינד, אָבער ניט אַלעמאָל דאַרף מען טראַכטן פֿונם קינד. דו ביזט נאָך יונג און באַגרייפֿסט אפשר ניט אקוראַט. דאַרפֿסט זיך פֿרעגן, וואָס וועסטו טאָן מיטן קינד. עס קומט באַלד אָן דער פֿרילינג, אויפֿן פֿאַרם ווערט אַ סך אַרבעט, איך וועל צו דיר אָפֿט ניט קענען קומען, דו וועסט זיין אַליין, עלנד, וועסט ניט קענען קריגן קיין אַרבעט. דאָס קינד וועט דיר אומעטום זיין אַ שטער. וועסט דאָס קינד אַדאָפּטירן וועט אים זיין גוט און דו וועסט ניט זיין געפּענטעט. ביזט נאָך יונג ראָזי, וועסט חתונה האָבן און לעבן אַ נאָרמאַל לעבן און דיר וועט נאָך זיין גוט.

— גוט — איז ראָזי געבליבן זיצן באַוועגלאָז ווי די מאַמע וואָלט מיט אירע רייד אַרויסגעפּאַמפּעט דאָס לעבן פֿון איר — גוט — האָט זי איבערגע׳חזרט און מער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען.

— אוודאי וועט דיר נאָך זיין גוט — האָט די מאַמע געזאָגט.

ראָזי האָט דערפֿילט ווי זי ווערט באַזיגט, אַז די מאַמע איז גערעכט, וואָס וועט זי טאָן מיטן קינד, מיט אַזאַ פּיצל נפֿש. עס וועט נאָך ביי איר הונגערן... עס וועט ביי איראויסגיין אויף די הענט... די געדאַנקען האָבן זיך ביי איר געדרייט אין מוח... זיך צעהוליעט ווי די שדים, עס האָט איר גענו־מען שטיקן אין האַלז. זי האָט דערפֿילט אַ פֿיבער אין זיך. זי האָט זיך צעיאָמערט:

— פֿריער האָט מען ביי מיר צוגענומען דזשימען, איצט וויל מען ביי מיר צונעמען דאָס קינד, וואָס וועט מיר איבערבלייבן! ווי אַזוי וועל איך קענען לעבן.

די מאַמע האָט געהאַלטן דער טאָכטערס האַנט און זי געטרייסט:

— דעם קינד וועט זיין גוט וועט דאָס זיין דיין טרייסט.

— מיין טרייסט — האט ראָזי גערעדט צווישן איין בליפ און א צווייטן — פאר מיר איז דאָס ניט קיין טרייסט מאמע. כ'וועל ניט האָבן דאָס קינד. איך וועל ניט האבן צוליב וואס צו לעבן.

די מאמע האָט געלאָזט די טאָכטער זיך אויסוויינען און אז עס איז א לאנגע ווײלע געבליבן שטיל האט זי פארזיכטיק א פרעג געטאָן.

— וואס זאגסטו ראָזי?

— נאָך דעם אָנוויינען זיך, נאָך די אלע פיינען וואס זי האט אין דער קורצער ווײלע דורכגעלעבט האט זי זיך דעריפלט אויסגעשעפט, הילפ־לאָז און זי האט רעזיגנירט געענטפערט:

— טו ווי דו ווילסט מאָמע.

נאָכדעם איז א דיקלעכע קורצע פרוי צוויי מאל געווען אנקוקן דאָס קינד. יענע טעג האט ראזי דאָס קינד ניט אפגעלאזן פון די הענט. זי האָט מיט דעם קינד געוואלט זיך אנזעטיקן. איינזאפן עס אין זיך און מיטן קינד זיך געזעגענען. נאָכאנאנד האט זי עס ניט אויפגעהערט קושן, זי האט גע־קושט דעם קליינעם צארטן פנימל וואס איז געווען אזוי צארט און גלאט. צום הונדערטסטן מאל האט זי אויסגעקושט יעדן פינגערל באזונדער, וועל־כע קליינע צארטע פינגערלעך דאס האט געהאט. און ביי יעדן פינגערל א גריבעלע. און וואס מער זי האָט דאָס יקנד געקושט און זיך געשפיגלט אין דעם אליץ מער האט זי געוויינט און ממש באגאָסן דאָס קינד מיט אירע טרערן.

אויף ענדע וואך איז די דיקלעכע קורצע פרוי געקומען נעמען דאָס קינד. זי איז געווען אין די מיטעלע יאָרן. געהאט א קוויטשידיק שטימעלע און גערעדט שנעל איילנדיק. זי האָט דערציילט אז זי איז שוין צוואנציק יאָר פארהייראט און קיין קינדער האט זי ניט, וויל זי אדאָפטירן א קינד, זי האָט ליב קליינע קינדער און זי קען אפּאָרדן צו אדאָפטירן א קינד, זי האָט א דינסט וועט זי האבן ווער עס זאל אכטונג געבן אויפן קינד, און

זאָרג ניט — האט זי זיך א קעד געטאָן צו ראזין — דאָס קינד וועט ביי מיר זיין גוט, עס וועט האבן פון אלדאָס גוטס, נאר דו — איז ביי איר דער קוויטש געווארן העכער דארפסט וויסן אז דו טאָרסט קיינמאָל ניט קומען צו זען. איך בין די מאַמע פון דעם קינד, פארשטייסט, אזוי מוז עס בלייבן. איבעריקעס האט שוין דיין מאַמע אַלץ פארזארגט. דאָס האט זי דאָך מיר אויפגעזוכט, געוואלט האבן א גוטע היים פארן קינד. דארפסט זיין צופרידן וואס דו האסט אזא געטרייע מאַמע, זי וויל דיך זען גליקלעך. דו ביזט נאָך אזא יונגיטשקע וועסט נאָך האבן א סך גליק.

עס איז געווען שווער צו וויסן צי ראָזי הערט וואס מען רעדט צו איר צי ניין, זי איז געזעסן שטייף ווי א סטאַטוע מיט די הענט אין שויס דער פּנים אזש גרוי, מיט אן אויסדרוק „מיר איז אַלץ איינס, איר קענט טאָן וואס איר ווילט”, די אויגן אויסגעלאשן, ווי דאָס גאנצע ביסל לעבן וואלט פון איר אין דער איינער ווײַלע אויסגערונען. נאר ווען די קורצע דיק־לעבע פרוי איז מיטן איינגעוויקלטן קינד אויף די הענט ארויס פון צימער, האָט זיך ראָזי א ריס געטאָן פון פּלאַץ און ווי א בהמה ביי וועמען מען נעמט צו דאָס קעלבעלע איז זי א לאָף געטאָן צום טיר זיך איינגעהערט ווי די טריט אויף יענער זייט טיר זיינען שטיל געווארן, איז זי א לאָף געטאָן צום פענסטער, ארויסגעקוקט און מיט אמאָל א בראזג פון גלאָז. דער פענס־טער האט זיך צעפּראלט און איידער די מאַמע האט צייט געהאט אויסשרייען „ראָזי וואָס טוסטו” איז שוין ראָזי געפלויגן אראָפּ צוזאמען מיט דעם צעבראכענעם גלאָז. די פרוי מיט דעם קינד איז פּונקט געבליבן שטיין פאר ראָזי׳ס פארגליווערטן קערפּער, געקוקט מיט אויסגעשטארצטע אויגן אויפן בלוט וואס איז גערונען און צעשראָקן געמורמלט צו זיך אליין:

— יעזוס מאריע, ניט געדארפט צונעמען ביי איר דאָס קינד. ניט געדארפט, יעזוס מאריע...

און אויבן אין צימער איז די מאַמע געלעגן א פאר׳חלוש׳טע און קיינער האט ניט געוואוסט אז ווען זי וועט קומען צו זיך וועט זי בעטן אויף זיך דעם טויט. דעם זעלבן טויט וואס זי האָ געבראכט איבער דעם יונגן לעבן פון איר טאכטער.

ווען דער געוויסן דערוואכט

אין פעקטאָרי פון קאפּנמאַכער „ראזן ענד סאָן" זיינען די מאשינען געלאָפן. עלעקטרישע מאָטאָרן האבן געבריפּעט, געוויקלט ארום זיך לאנגע, שווערע רימענס און ווי די וויבערס געדרייט די רעדלעך פון די מאשינען. די ארבעטער ווי צוגעוואקסענע צו די מאשינען זיינען געזעסן, פארטיק געמאכט הונדערטער קאפּנס און זיי געווארפן אין די בעסקעטס. אין שאפּ איז געווען טונקל, די פענסטער וואס האבן ארויסגעקוקט אין א שמאָלער געסל האבן ניט ארייַנגעלאָזט קיין ליכט. דורך די ציגלנע מיט אייזן געמישטע ווענט האט זיך פון דרויסן דערטראגן דער גערויש פון לויפנדע אויטאָמאָבילן, פון פערדישע קאָפּיטעס, פון טראמוויַיען, און זיך אין א ווילדע אָרגיע צוזאמענגעמישט מיטן זשום פון די לויפנדע מאשינען. די זון ווי א צעגלימטער קאלך אויוון האט געפּארעט די לופט און זי אנגעפילט מיט חלשות'דיקער שטיקעניש. יאָסל, דער פארמאן פון שאפּ, א הויכער דארער פארשוין מיט א לאנג פארשפּיצטן נאז ווי ביי א רויב פויגל, מיט קליינע פארזשמורעטע אויגעלעך איז ארומגעלאָפן איבערן שאפּ און כאָטש די אר־בעט איז ארויסגעגעבן געווארן געשיקט און גוט איז ער ארומגעגאנגען און ניט אויפגעהערט שרייען: — זיי פּטר'ן מיר אוועק די ארבעט, איך וועל עס ניט דולדן, אז יאָסל טרעט נאר אפּ, ווארפן זיך די ארבעטער דורך, פון די מאשינען: — ער האט געבאך ניט געגוג אויגן. יאָסל. — די נשמה האט אים געמעגט אויסטריקענען, דעם געמיינעם מסור.

— מען האט אים באדארפט אנברעכן די ביינער.

— נו, פארוואָס טוסטו דאָס ניט, ביזט דאך א שטארקער.

— וועסט זען, איך וועל עס נאך טאָן, זאל ער זיך נאָך אמאָל משעפען.

פון אָפּים איז ארוים דער באָס. א קורצער דיקער מענטש מיט א פארשמאלצט פנים. מיט די קורצע דיקע פיס איז ער געגאנגען און זיך גע־וויגט ווי אן ענטעל, און דער דריי גאָרנדיקער גוידער האט זיך בשעת־מעשה צוגעוויגט צום גאנג. יאָסל דער פארמאן איז אים אנטקעגן געגאנגען מיט אן אונטערטעניק, הינטישן אויסדרוק אויפן פנים. דער באָס האט זיך אנ־גערופן: — איך דארף האבן די ארבעט, יאָסל, דער ארדער מוז היינט ארויסגיין.

יאָסל האט זיך פארקרימט:

— א ניכפה זאל זיי נעמען, די פויליאקעס. טויזנט אויגן דארף מען פאר זיי האבן. מען טאר פון זיי ניט אפּטרעטן. צ׳אלרייט, זיי ארבעטן ביי מיר, זיי ארבעטן. עס וועט באלד זיין פארטיק.

פון א מאשין האט זיך אויפגעהויבן אַן ארבעטער. געווישט דעם פארשוויצטן שטערן און זיך געלאזט גיין צום סינק א טרונק טאן. דער באָס איז אים אנטקעגן געגאנגען מיט פארשפּיצטע אויגן:

— וואָס לויפסטו נאָכאנאנד צום סינק, וואס, דאָ איז א שאפּ צום ארבעטן, ניט א פּלאץ זיך לאזן וואוילגיין.

דעם ארבעטען האט א רויטקייט פארגאָסן דעם פּנים, גרויסע טראפּנס שווייס האבן זיך עשטעלט אויפן שטערן. זיך פאר׳גנב׳עט אין די קנייטשן און אראָפּגערונען איבער די צעפלאמטע באקן. ער האָט געוואָלט א ווארף טאָן דעם באָס א זידל וואָרט, נאר דאס ווייב מיט די פיר פארהונגערטע קינדער האבן זיך אים א שטעל געטאן פאר די אויגן, און ער האָט שטיל א זאָג געטאן: — עס איז היינט דער ערשטער מאל וואס איך גיין א טרונק טאן. עס איז שרעקלעך היים, עס דורשט.

— אז איר ווילט זיך וואוילגיין דארפט איר עס ניט טאן אויף מיין צייט. — האט דער באָס צונישט געמאכט דעם ארבעטערס טענה, און

זיך צעשריען. — איך וועל אייך געבן שטיק ארבעט, יאָ, שטיק ארבעט וועל איך אייך געבן!

דער ארבעטער איז געשטאנען, זיך געשלאגן מיט דער דעה און זיך אומגעקערט צו דער מאשין.

דער באַס האט זיך ארומגעקוקט און דערזען אז ביי א מאשין פעלט א מענטש, האט ער א קוק געטאָן אויף א זייטיקער טיר און זיך אנגערופן צום פאָרמאן:

— יאָסל, קלאפ אים נאר דארט אָן אין טיר, וואס געדויערט אים דאָרט אזוי לאנג.

דער פאָרמאן איז צוגעגאנגען, אנגעקלאפט א פּאָר מאל אין טיר. אויף יענער זייט טיר האט א שטימע געענטפערט און איז באלד ארויס.

דער פאָרמאן האט מיט חוזק א זאג געטאן: — וואסי, חיים'קע, דער מעגעלע, האָ? מסתמא צופיל געגעסן.

חיים האט זיך געגעבן א צי אוים אין דער גאנצער לענג, אנגעקוקט דעם פארמאן מיט פינסטערע בליקן און בייז ארויסגעברומט: — דו פּאס־קודנער מסור'ניק, דו מיאוסער מענטש.

דער פארמאן האט זיך דערשראקן, זיך געגעבן א צי צוריק. א זאָג געטאן: וועסט פאר דעם באצאָלן, — און איז אוועק.

א כעס צום באס, צום פארמאן, האט זיך געשטופּט צו חיים'ען אין הארצן. בייזע, גיפטיקע ווערטער זיינען געקראכן אין מוח, און געזוכט א וועג ארויסצוקומען. ער האט זיך א שטעל געטאָן אויף א מאשין און ווער־טער שארפע, שניידנדע האבן זיך געקייקלט איבערן שאפּ: — ברידער אר־בעטער, איר האָט געזען נאָר וואס, וואס עס איז פארגעקומען. מען ציילט אונז אוים די מינוטן וואָס עס דארף נעמען די מענטשלעכע באדערפעניש.

מען לאזט אונז אפילו א טרונק וואסער אין מויל ניט נעמען. ברידער אר־בעטער, מיר טאָרן עס לענגער ניט לאזן גיין אזוי. מיר טאָרן ניט!

א צווייטער ארבעטער האט זיך געגעבן א שטעל אויף, גערעדט שארף און מיט ווייטאג: — ביי מיר זיינען צוויי קליינע קינדער צושטארבן פון הונגער, פונדעסטוועגן שטים איך איין מיטן ברודער ארבעטער. מען טרעט אונז אויפן קאָפּ. דאס לעצטע ביסל בלוט זויגן זיי ביי אונז אויס, און וואס קריגן מיר פאר דעם? א שפּיי אין פּנים!

קעפּ האבן זיך אויפגעהויבן, געקוקט פארגאפט אויף די צוויי רעד־נער. איבערן שאפּ איז דורכגעגאנגען א געמורמל, אין די הערצער האט געזאָטן און די הענט האבן זיך אראָפּגעלאזט און ניט געקאנט מער ארבעטן.

* * *

אין שאפּ פון די קאָפּנמאכער „ראָזן ענד סאן" זיינען די מאשינען געשטאנען שטיל. אונטן, אין גאס זיינען די ארבעטער געגאנגען מיט פּלאַ־קאַטן, אנגעזאגט, אז דאָ איז א סטרייק. א רעדל ארבעטער זיינען געשטאנען און זיך געהיצט: — דער שמאליע בויך וועט זיך נאָך צו אונז קומען בעטן.

— מיר'ן אים צייגן, אז מיר זיינען אויך מענטשן.

— ער'ט אזוי ניט קריכן אויפן קאָפּ.

— מען דארף זיך ניט לאזן.

— אוודאי.

און אויבן, אין שאפּ ביי זיך אין אפיס איז ראָזן, דער באס געזעסן און איינגע'טענה'ט מיטן פאָרמאן: — דו הערסט יאָסל, איך זאג דיר, אז ביי מיר וועלן זיי גארניט אויספירן. זאלן זיי סטרייקן. איך וועל זיי אויס־הונגערן. איך וועל זיי אויסטריקענען ווי די טאראנעס, דו הערסט יאָסל ווי די טאראנעס, און אז זיי וועלן ניט האבן וואס צו עסן וועלן זיי בעסער ווע־רן. זיי וועלן קומען צו דער ארבעט.

— נאָך ווי װעלן זיי קומען — האָט יאָסל צוגעגעבן.

— און נאָך א זאַך, יאָסל, — האָט דער באָס זיך װײטער געהיצט. אויב זיי שטעלן זיך באַלד ניט אַרבעטן, נעם איך צו אַנדערע, סקעבס, זיי זיינען דאָ פּלענטי. מען קריגט זיי.

— איך װעל צושטעלן וױפּיל הענט מען דאַרף — האָט יאָסל באַ־שטימט געזאָגט.

א צופרידענער וואָס יאָסל שטימט מיט אים אין אַלץ איין, האָט דער באָס זיך געגעבן א שטעל אויף, מיט די קורצע גראָבע פיס זיך גענומען וויגן איבערן דיל, געגעדט סתם אין דער וועלט אריין: — איך וועל זיי אויסמענטשלען די שלעפּער, די האַלעדריגעס. זאָלן זיי וויסן אַז ביי מיר סטרייקט מען ניט. מיט מיר מאַכט מען ניט קיין הינטישע שטיק.

זעקס וואָכן שפּעטער זיינען די אַרבעטער, אויסגעהונגערטע, פאַר־צערטע, דערשלאָגענע געזעסן צוריק ביי די מאַשינען און נאָכאַמאָל זיינען הונדערטער פּאַרטיק געמאַכטע קאָפּנס געפלויגן אין די בעסקעטס.

מיט די הענט אין די קעשענעס, מעשה זיגער, איז דער באָס אַרומ־געגאַנגען, באַטראַכט די מאַשינען, די אַרבעטער און צופרידן א זאָג געטאָן צום פאָרמאַן: — מיט מיר הויבט מען זיך ניט אָן, ניט מיט מיר, הא יאָסל?

און יאָסל האָט אין דעם מאָמענט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ער רעדט צום באָס, און פּאָני בראָט א זאָג געטאָן: — יו בעטשע.

*　*　*

אין א פּריוואַטן האָספּיטאַל, אין א צימער גרויס, ריין און לופטיק, אויף א ווייסער, ווייכער בעט, איז געלעגן קראַנק דער קאָפּן מאַנופעקטשורער ראָזן. דער פּנים איז אים געוועזן געלבלעך. די ביינער האָבן אַרויסגע־שטאַרטשעט און די אויגן ווי צוויי טיפע לעגער איינגעזונקען אין שטערן. אַניוטאַ, די ווייב זיינע איז געזעסן און געקוקט אויף איר מאַן. עפּעס האָט זיך איר נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן אַז דאָס איז טאַקע איר מאַן. אַז אין איין יאָר זאָל זיך א מענטש אַזוי אומבייטן. וואָס עס קאָן פון א מענ־טשן ווערן!

דער קראַנקער האָט זיך אַנגערופן: — אַניוטאַ, ווי לאַנג דענקסטו וועל איך נאָך לעבן?

— ווועסט נאָך לעבן לאַנג — האָט אַניוטאַ געגלעט זיין געלבלעך ביינערנע האַנט.

לאַנג — האָט דער קראַנקער מיט אומצוטרוי געצויגן דעם וואָרט — לאַנג זאָגסטו. מיט אַ ראַק אין מאָגן און מיט אַזאַ פאַרדייאונג? איך קען דאָך שוין גאָרניט עסן. אַפילו אַביסל וואַסער קען איך ניט פאַרדייען.

— ווועסט לעבן, מען וועט דיך אויסהיילן, — האָט אַניוטאַ געטרייסט דעם קראַנקן.

מיך וועט מען שוין ניט אויסהיילן — האָט דער קראַנקער מיט זיכערקייט געזאָגט, — איך ווייס אַז מיינע טעג זיינען געציילטע, איך וועל באַלד שטאַרבן.

אַניוטאַ האָט געשוויגן. מיט פאַרטרערטע אויגן האָט זי געקוקט אויף איר מאַן און ניט געוואוסט מיט וואָס זי קען אים טרייסטן.

דער קראַנקער האָט ווייטער גערעדט ווי אין פיבער: — ווען איך קען כאָטש שטאַרבן רויק.

— שוין ווידער שטאַרבן!

— יאָ, איך טראַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ נאַריש שפּיל געווען.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין, — האָט דער קראַנקער געקוקט ערגעץ אין דער ווייט־קייט און דאָרט געזען זיין ווייטע פאַרגאַנגנהייט. — איך מיין, איך בין קיין מענטש ניט געווען. איך האָב זיך צופיל איזדעקעוועט איבער זיי, איבער

די ארבעטער. איך האב פון זיי געצויגן דאָס בלוט, זייער לעבן. ווי עס זויגט איצט דער ראק, דאָס בלוט, דעם לעבן פון מיר ארויס. איך האב געזאמלט אוצרות און ביי זיי זיינען די קינדער פון הונגער געשטארבן, און וואס האב איך איצט פון די אוצרות? הא וואָס? א פארבלוטיקטע געווויסן, מער גארניט.

— האָסט דאך פארזארגט א ווייב מיט קינדער — האט זיך ביי אניו־טא'ן ארויסגעבאפט.

— א ווייב מיט קינדער — האט זיך ביי דעם קראנקן צעעפנט די אויגן, ווי ער וואלט ארייגעקוקט אין א תהום, — און זייערע ווייבער, זייערע קינדער, זיינען קיין מענטשן ניט? הא אניוטא זאג, זיי דארפן ניט לעבן? זיי האבן קיין נשמות ניט?

אניוטא האט אים אָנגעקוקט, זי האט דערפילט דעם גרויסן אמת פון זיינע רייד. עס האט זיך איר געדוכט אז מיט איר מאנס לעבן רינט פון איר אויך אוים איר אייגענער לעבן. זי האט קיין ווארט ניט געקאנט ארויס־ברענגען, און דער קראנקער האט ווייטער גערעדט: — פארשטייסט אניוטא, אז מען שטייט פנים על פנים מיטן טויט, אז מען ווייסט אז מען דארף שטארבן, דאמאָלסט איז דאָס אנדערש, עס דאכט זיך אז מען קוקט אריין אין א שפיגל און מען זעט אלע שלעכטע מעשים, אלץ וואס מען האט א גאנץ לעבן אפגעטאן. עס איז ווי מען וואלט זיך אויפגעכאפט פון א חלום און דערזען פאר זיך דיווירקלעכקייט דעם טויט. און אז מען קוקט דעם טויט אין די אויגן אריין קוקט דאס גאנצע פריערדיקע לעבן אוים אזוי נאריש און זינלאָז.

אניוטא האט אנגעכאפט זיינע ביידע הענט, זיי געדריקט און די טרערן האבן זיך פריי א לאָז געטאן פון די אויגן. דער קראנקער האט שטיל צוגעלייגט: — איך האב אניוטא פארדינט דעם גיהנום. יאָ, איך האב עס כשר פארדינט...

טראגישע פאסירונגען

ווען דער טויט איז זיסער

א בלייבע, א צעטראגענע, מיט א פארקלעמט הארץ האט ליזעל וואלף ארויסגעקוקט דורכן פענסטער אויפן פינפטן שטאק. דורך פארטרערטע אויגן האט זי געקוקט איבער דעכער, אין דעם ברייטן, ווייטן האריזאנט. צום הונדערטסטן מאל האט זי דורכגעטראכט דעם זעלבן געדאנק און אלץ ניט געקאנט אפמאכן ביי זיך אז אזוי וועט עס טאקע מוזן זיין: אז זי וועט טאקע מוזן פארן צוריק קיין דייטשלאנד. מיט זעקס וואכן צוריק איז ליזעל וואלף געקומען אין אמעריקע אלס גאסט. ניט אזוי לייכט איז איר אנגעקומען זיך ארויסצורייסן פון דעם נאצישן גיהנום. זי האט געגנוג אפגעשלאגן די טירן פון דעם אמעריקאנעם קאונסיל, ביז זי האט ארויסגעקראגן די דערלויבעניש צו פארן אין אמעריקע אויף זעקס וואכן. גרויסע און ליבטיקע האפענונגען האט ליזעל וואלף געהאט פארנדיק אין אמעריקע, זי האט געוואוסט אז זי פארט נאר אלס גאסט קיין אמעריקע. זי האט אבער אויך געוואוסט, אז מיט א באנד, וואס עמיצער וועט פאר איר איינלייגן ביי דער אמעריקאנער רעגירונג, מיט א פארזיכערונג, אז זי וועט קיינעם צו לאסט ניט פאלן וועט זי קענען אויף שטענדיק בלייבן אין אמעריקע און זי וועט זיך קענען ארויסדרייען פון די נעגל פון די נאצי רויב פויגלען.

ווען ליזעל וואלף איז אראפ פון שיף און ארויפגעטראטן אויף דער אמעריקאנער ערד, האט א ליכטיקע פרייד זיך צעזונגען ביי איר אין הארצן. א פרייד וואס נאר איינער וועמען עס איז געלונגען זיך ארויסצורייסן פון היטלערס גיהנום קען פילן. די גרעניצלאזע פרייד פון א מענטשן, וואס האט זיך יארן לאנג אויסגעשטאנען פיין און שאנדע, גירוש און אינקוויזיציע אין היטלער לאנד און גאר פלוצלינג ווי דורך א נס געפינט ער זיך אויף

א פרייען און זיכערן באָדן, און קען פראַנק און פריי גיין איבער די גאַסן און ניט מורא האָבן, אַז פון יעדן ווינקל פון גאַס קען אַרויסשפּרינגען דער נאַצי־שד און טאָן וואָס זיין שדים האַרץ גלוסט. איז ליזעל וואָולף אַרומגע־גאַנגען איבער די פרייע אַמעריקאַנער גאַסן, מיט דער זינגעוודיקער פרייד, און געווען זיכער, אַז עס וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס זאָל געבן דעם באַנד, אַז זי זאָל קענען פאַרבלייבן אין דער פרייער און זיכערער אַמעריקע.

עס איז איר גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז אין דער גרויסער און ברייטער ניו יאָרק וועט זיך ניט געפינען קיין איין מענטש וואָס זאָל אַזאַ באַנד וועלן איינלייגן, וואָס זאָל וועלן פאַרזיכערן די רעגירונג אַז זי וועט קיינעם צו לאַסט ניט פאַלן.

ווען די זעקסטע וואָך האָט זיך אָנגערוקט און עס האָט זיך נאָר אַלץ ניט געפונען קיינער, וואָס זאָל לייגן דעם באַנד און פאַרזיכערן איר צוקונפט אין אַמעריקע, האָט ליזעל וואָולפס פרייד אָנגעהויבן אויסרינען, און אין האַרצן האָט זיך פאַרקליבן אַ מורא, די מורא צו דאַרפן פאָרן צוריק פון וואַנען זי איז געקומען. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ וואַנזיניקער פּחד, דער פּחד פון אַ מענטשן, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ פייער און מוז אין דעם זעלבן פייער צוריק אַריינשפּרינגען.

און אַז דער לעצטער טאָג איז געקומען ווען די זעקס וואָכן צו בלייבן אין אַמעריקע זיינען אויסגעגאַנגען, האָט ליזעל וואָולף זיך פאַרקליבן צו זיך אין צימער. זיך געשטעלט פאַרן פענסטער און דורך פאַרטרערטע אויגן געקוקט אויפן ווייטן האָריזאָנט. אַריבערגעקוקט איבערן ים, אַהין צו דעם גיהנום פון וואַנען זי האָט זיך אַרויסגעריסן און וואוהין זי מוז צוריקפאָרן.

זי האָט נאָכאַמאָל דורכגעלעבט די 5 יאָר שרעק, פּיין און שאַנדע וואָס זי איז דורכגעגאַנגען אין דעם היטלער גיהנום. פאַר די פאַרטרערטע אויגן זיינען פאַרביינגעגאַנגען די פינף פאַרפּייניקטע יאָרן. די מורא פאַר נאָכאַמאָל דורכגיין דאָס וואָס זי איז שוין פינף יאָר דורכגעגאַנגען האָט זי זיך שווער געלייגט אויפן האַרצן. זי האָט פון פענסטער גערן אַרויפגעקוקט צו דער אַמעריקאַנער פרייער גאַס, וואו מענטשן באַוועגן זיך פריי, און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם שרעקלעכן געדאַנק, וואָס איר איז איינגעפאַלן.

מיט שרעק איז זי אנפּעטראָטן פון פענסטער און געוואָלט אַרויס־לויפן פון צימער, נאָר אַ שטימע אין איר וואָס איז איר געווען פרעמד, האָט זי אָפּגעשטעלט „ליזעל וואָלף האָסט ניט וואו צו לויפן, אַלע טירן זיינען פאַר דיר פאַרמאַכט און אַלע הערצער פאַרשלאָסן".

אנשטאָט אַרויסצולויפן פון צימער, האָט ליזעל וואָלף זיך אַריינ־געוואָרפן אין דער שמאָלער, אייזערנער בעטל און אַריינגעגראָבן אַלע צען פינגער אין די צעפּאַטלטע האָר.

זי האָט זיך נאָכאַמאָל צוגעהערט צו דער פרעמדער שטימע אין איר „אַזוי ליזעל וואָלף איז דיין מזל. מען באַקלאָגט אַזויפיל די דייטשע פליכט־לינגען, מען טומלט אַזוי פיל פון זיי. מען רעדט אַזויפיל פון רחמנות, פון יושר, פון מענשטלעכקייט צו אַלע פליכטלינגען. די גוואַלדן און פּראָטעסטן הויבן זיך דאָך אין די היטלען. און פונדעסטוועגן מוזטו פאָרן צוריק אין היטלער לאַנד".

טאָ פאַרוואָס קומט דאָס מיר, פאַרוואָס?" האָט ליזעל וואָלף געקוקט אַרום זיך מיט אַ שטומער שרעק, ווי זי וואָלט געזוכט אימיצן וואָס זאָל איר קענען העלפן אין איר גרויסער פאַרצווייפלונג. „און ניט נאָר דאָס, ליזעל וואָלף", האָט די זעלבע שטימע זיך אַריינגעשניטן אין ליזעל וואָלפס צעטו־מלטן מוח, „ביזט ניט אַבי אַ מענטש, וואָס ליידעט, וואָס האָט דורכגעלעבט אַלע שרעקן און פּיינען פון די נאַצי גזרות, ביזט דער סימבאָל פון אידישן גלות, אַ מאַרטירערין פון אידישן פאָלק, פון אַ היימלאָז און שוצלאָז פאָלק".

„טאָ פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ באַהאַנדלונג, פאַרוואָס?"

ליזעל וואָלף האָט אויף דעם קיין ענטפער ניט געקראָגן. אַ שטומער פּראָטעסט האָט זיך געשטופּט אין מוח, מיט אַ שטייפער עקשנות האָט זי זיך אַ הויב געטאָן פון בעטל. צוגעלאָפן צום פענסטער און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַרויסגעשפּרונגען. אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער איז ליזעל וואָלף געלעגן אַ טויטע אויפן ברוק מיט אַ צעשמעטערטן מוח.

אזוי האט זיך ליזעל וואולף באפרייט פון די אנגסטן פון מוזן צו־ריקפארן אין א לאנד, וואו עס באלעבאטעווען ניט מענטשן, נאר נאצי שדים.

* * *

קיינער איז ניט שולדיק

אין האמילטאָן, אָנט., האט מען געפונען א צוויי און זיבעציק יאָ־ריקן זקן, א טויטן ליגנדיק אויף שטרוי אין א באקס קאר ניט ווייט פון דער סי. פּי. אר. סטאנציע. דער קאראנער האט אונטערזוכט דעם פאל און עס איז באשטעטיקט געווארן, אז דער 72־יאָריקער זקן איז געווען היימלאז און איז געשטארבן פון הונגער.

דער פאל פון דעם זקנ'ס טויט איז איבערגעגעבן געווארן צו א דזשורי און די דזשורי האט ארויסגעבראכט אן אורטייל: אז ווי באלד דער אלטער איז געשטארבן פון נאטירלעכער אויסצערונג, פון הונגער הייסט עס, איז קיינער ניט שולדיק אין זיין טויט. אין א לאנד פון אזא רייכטום, וואו מיליאָנען ווערן פארשווענדעט אויף לוקסוס זאכן, אין א לאנד פון כל טוב, איז קיינער ניט שולדיק אין דעם טויט פון הונגער... איר פארשטייט, קיי־נער איז ניט שולדיק...

אזוי האט גע'פסק'נט אן ערלעכע און דערפארענע דזשורי...

ווילדע איינפערזוכט

א גרופּע האָבאָס זיינען געזעסן אונטערן פרייען הימל, אויף א פּריי־ען פעלד און גערעדט צווישן זיך. מיטאמאָל האט זיך איינער אויפגעשטעלט און געמאכט א פארשלאג, אז יעדער איינער זאל דערציילן, וואס עס האט אים געטריבן צו ווערן א טרעמפּ, א האָבאָ! און יעדער איינער האט דער־ציילט עפּעס אן אנדער געשיכטע, ביז עס איז געקומען צו דזשעקס רייע. מיט א טרויעריק־ווייך קול האט דזשעק אנגעהויבן דערציילן: „מיר האבן אלע דריי געארבעט אין איין אָפּיס. זי, פּעני, אויפן טייפּרייטער, און איך מיט לואין, צוויי בוכהאלטער. לואי איז מיר קיינמאָל ניט געוועז צום האר־צן. ער איז געוועזן פרעך, ציניש, ניט אויסגעהאלטן, און צייטנווייז אפילו אומדערטרעגלעך. זי, פּעני, איז ניט געוועזן קיין איבעריקס שיינע. דערפאר האט זי פארמאגט אויגן, גרויסע, ליכטיקע, און פון זיי האט ארויסגעשטראלט א גוטסקייט און אָפּגעשפּיגלט א ריין־צארטע נשמה. עפּעס איז אין איר געווען צוציענדעס, מאגנעטישער. דער פּנים האט געהאט אויף זיך א בלאסע איי־דלקייט און די ליפּן זיינען געווען בלאסע, זאפטיקע, שמייכלענדיקע. אין אנ־פאנג האבן מיר איינע די אנדערע קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקן. שפּעטער אָבער איז זי גאר אומבאמערקט אריין צו מיר אין הארצן: און ווי א גוטער מלאך, שענער און ליכטיקער געמאכט מיינע טעג. וואס ביי איר אין הארצן האט זיך געטאן, האב איך ניט געוואוסט, אבער אירע בליקן האבן גערעדט צו מיר מיט יענער שטראלנד־צארטער ווייכקייט, וואס נאר ביי פארליבטע זעט מען עס. מיר האבן אנגעהויבן דינערטיים צוזאמען גיין עסן, און נאך דער ארבעט זיינען מיר צוזאמען א היים געגאנגען. מיט יעדן טאג האט דער גוטער מלאך מיר איינגעטיילט אלץ מער און מער ליבע צו איר, ביז כ׳האָב דערפילט, אז מיין גאנץ וועזן איז אנגעפילט מיט איר, אז אָן איר איז מיין גאנצע ווייטערדיקע עקזיסטענץ גארניט ווערט. אָן איר איז

מיר מיין יעדער אָטעם איבעריק געווען. כ'ווייס ניט צי אייך האט אזעלכעם געטראָפן; אבער ביי מיר, אז זי האט אמאָל ווי מיר האט זיך געדאכט, א קוק געטאן אויף מיר גלייכגילטיק, האב איך פון ערגערניש דאן קיין ארט ניט געקענט געפינען. צום גליק האט דאס זעלטן פּאסירט. זי האט אלע מאָל געקוקט אויף מיר מיט אזויפיל ליבע און איבערגעבנהייט, אז אין מיר איז קיין צווייפל ניט געבליבן, אז זי ליבט מיך מיט דעם גאנצן פייער פון איר נשמה. מיר זיינען געווארן נאָענט, כמעט שטענדיק פּארבראכט צוזאמען, און גליקלעכע און זארגלאזע ניט אויפגעהערט צואווארפן איינע די אנדערע ליבעס-בליקן; געשאָטן מיט צערטלעכקייטן, און זיך איינע ביי די אנדערע איבערגענומען ווי איין-און-איינציקע קינדער ביי טאטע-מאמע.

„אין אָפּים האט לואי אויף פעני'ן אויך אנגעהויבן ווארפן אויגן, נעגעבן איר קאָמפּלימענטן, און זיך ניט אויגגעהערט שארן צו איר. נאר מיך האט עס ניט געארט. כ'האָב געטראכט אז אזא איידעלער צארטער נפש ווי פעני וועט זיך ניט אָפּגעבן מיט אזא ניט אויסגעהאלטענעם, ציניש מענטשן ווי לואי איז. איינמאָל ווען פעני איז געווען קראנק און צו דער ארבעט ניט געקומען, בין איך מיט לואי'ן געגאנגען עסן דינער. אין מיטן וועג גיט לואי א זאג: „דו ווייסט, פעני האט מיך ליב!" — יאָ? — מאך איך פון אים חוזק אין זיך. — „איז וואס האלט דיך צוריק?".

— איך — גיט ער וואויל-יונגעריש א זאָג — האב זיך ניט וואס צוריקהאלטן. זי האט זיך מיר שוין אפּגעגעבן.

— וואס? — בלייב איך שטיין. און כאטש דער מוח זאגט מיר אונטער, אז ס'איז אוממעגלעך, טוען זיך מיר פונדעסטוועגן די פיס א שנייד אונטער, און דאס הארץ, דאכט זיך מיר, איז מיר שטיין געבליבן. און איך ליינ צו — ביזט א ווילדער ציניקער; ביזט פון זינען אראָפּ.

— כ'בין שוין גאר ניט פון זינען אראָפּ — גיט ער א זאָג מיט גאווה — זי איז שוין מיט מיר געשלאָפן.

זיין שטעל און זיין זיכערער טאָן האט מיך ארויסגעבראכט פון גלייכגעוויכט, כ'האָב אים אראָפּגעלאזט א הילכיקן פּאטש אין באק און ניט

מיט קיין מענטשלעכער שטימע א רעווע געטאן — זי איז מיין כלה, ווי וואגסטו צו רעדן פון איר אזוי!

— אנטשולדיק — האט ער פארלארן זיך געגעבן א גלעט די באק
— כ׳האב ניט געוואוסט, אז זי איז דיין כלה. ווען איך וויים, דערצייל איך עס דיר ניט.

מער האב איך ניט געהערט וואס ער האט גערעדט. א פארווירטער האב איך זיך געלאזט לויפן איבער די גאסן. א ווילדע אייפערזוכט האט מיך ארומגענומען. ווי פלאם־פייערדיקע צונגען האט די אייפערזוכט געברענט דעם מוח און פארצערט יעדן קלארן געדאנק אין מיר. טויזנט פינסטערע טייוולאנים האבן געבושעוועט אין מיר. צוריק צו דער ארבעט בין איך שוין ניט געגאנגען; און געגעסן האב איך אויך ניט. כ׳האב זיך ארומגע־שלעפט איבער די גאסן. דער מוח האט קלאר ניט געארבעט. דאס פאר׳סמ׳טע בלוט אין מיר האט געזאדן; געשטיקט דאס הארץ און געווארגן אין האלז.

ערשט פארנאכט, ווען די זון, א רויטע, א בלוטיקע, האט אנגעהויבן פארגיין, ווי עס האט פלוצלינג אנגעהויבן פארגיין די שיין פון מיין אייגע־נעם לעבן, האב איך זיך געכאפט, אז איך שטיי ביי פעני׳ס הויז. כ׳האב קיין קאנטראל איבער זיך ניט געהאט כ׳האב זיך ניט געקענט העלפן. כדי ניט דערשטיקט צו ווערן מיט דעם אייגענעם ווייטאג, האב איך געמוזט איר א שליידער טאן אין פנים, זאגן איר אז איך וויים אז זי איז ניט אזא אומ־שולדיקער מלאך ווי זי האט זיך מיר ארויסגעצייגט צו זיין! איך בין ארויף צו איר אין צימער. זי איז געלעגן אין בעט. איר פנים פארפלאמט פיבעריש. די ליפן פארטריקנט. כ׳בין געשטאנען געקוקט צו דער ערד און ניט געקענט ארויסרעדן א ווארט.

זי האט זיך אנגערופן — דזשעק פארוואס שטייסטו אזוי? פאר־וואס אזוי פרעמד?

כ׳האב געוואלט עפעס זאגן, און ניט געקענט.

— כ'בין קראנק, דזשעק — איז איר פּנים געווארן נאך רויטער, פיבערישער. — קום אהער, זעץ זיך דאָ־אָ אויפן בעט.

כ'ווייס ניט פון וואנען האט זיך ביי מיר גענומען אזא עקשנות, אזא ברוטאליטעט. כ'בין ניט צוגעגאנגען צו איר, כ'בין געשטאנען, געקוקט אויף איר, און ניט ארויסגערעדט א ווארט.

— דזשעק — האט זי זיך פּלוצלינג געגעבן א זעץ אויף אין בעט, — וואס איז געשען, כ'וועל שטארבן אז דו וועסט אזוי זיין...

איך זאג אייך, אז אייפערזוכט איז א ברוטאלע מאכט, א מיאוסע זאך. איך בין ניט געווען דער זעלבער. עפּעס א שד איז אין מיר געזעסן און געקאָמאנדעוועט מיט מיר.

— כ'וועל אים דער'הרג'ענען ווי א הונט — האב איך צום סוף ארויסגעשיפּעט.

— וועמען?

— לואי'ן!

מער קיין כוח צו בלייבן ביי איר אין צימער האב איך ניט געהאט; ווי אן אומזעבארע האנט וואלט מיך א שטויס געטאן, האב איך זיך א לאָז געטאָן צום טיר און אין א רגע בין איך שוין געשטאנען אין דרויסן.

צוויי וואכן האב איך זיך ארומגעדרייט ווי א פאריקטער. טעג ניט גע־געסן און נעכט ניט געשלאָפן. אלע טאג האָט מיך מיין בלוטיק הארץ צו־געפירט צו איר טיר, און דער שד אין מיר האָט מיך ניט געלאזט אריין. עטלעכע מאל האב איך שוין געוואלט אנקלינגען דאס גלעקל, נאָר יעדן מאל האט דער שד מיר א שטעל געטאן פאר די אויגן פעני'ן אין לואיס'עס אָרעמס, און געמאלן פאר מיר אלערליי פאנטאסטיש־שווידערלעכע בילדער. צום סוף אָבער האב איך מער ניט געקענט אויסהאלטן. עס איז מיר סיי־ווי ניט געבליבן צו וואס צו לעבן. צו וואס זאל איך נאך ארומגיין און זיך מאַ־

טערן? דעם שד אין מיר האב איך כמעט ווי פארטריבן. דער מוח האט גע־ארבעט רואיקער, און די געדאנקען שטילער. מיט דעם פעסטן באשלוס אז איך וועל זי זען, בין איך אוועק צו פעני׳ן. כ׳האָב אנגעקלונגען דעם גלע־קל, איז מיראנטקעגן געקומען די מיסעס פון הויז.

— וואס ווילט איר? — האט זי א פרעג געטאן.

— איך וויל זען פעני׳ן — האב איך קוים כוח געהאט ארויסצורעדן.

— פעני׳ן — האט מיך די מיסעס אנגעקוקט פארשנד, ווי זי וואלט מיך אין עפעס פארדעכטיקט. — איז אייער נאָמען דזשעק? — האָט זי א פרעג געטאן.

— יע! — האָב איך ארויסגעשטאמלט...

— יע! — האט זיך איר פנים פארקרימט, און זי האט א טראָט גע־געבן צוריק, ווי זי וואלט זיך פאר מיר דערשראקן. — יע, זי האט א סך מאָל דערמאנט אייער נאָמען; זי האט אייך גערופן...

— זי מיך? — האב איך א געשריי געטאן, און זיך געלאזט לויפן צו פעני׳ס צימער.

— שטייט, יונגערמאן! איילט זיך ניט! — האָט די מיסעס מיך א ציי געטאן אויף צוריק פארן ארבל. נאר די אויגן האבן געשאסן פייער, און זי האט מיר כמעט אריינגעשריען אין פנים אריין — זי איז געשטאָרבן!...

כ׳האָב זיך א וואקל געטאָן און זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג אויף דער ערד. ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך אויסגעפונען, אז מיט א טאָג צוריק האט מען זי גענומען אין האספיטאל, נאר ס׳איז געווען שוין צו שפעט; מ׳האָט פאר איר גארניט געקענט טאָן.

א וואך שפעטער, ארומשלעפנדיק זיך אָן א ציל איבער די גאסן, האָב איך אנגעטראפן א באקאנטן.

— ווייסט — האָט מיר דער באַקאַנטער געלאָזט וויסן — לואַי איז אין משוגעים־הויז!

— אין משוגעים הויז? — האָב איך זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— יאָ! — דערציילט מיר דער באַקאַנטער — ער איז משוגע געוואָרן. ער האָט געקראַגן אַן איינרעדעניש, אַז אַלע פרויען אויף וועמען ער גיט נאָר אַ קוק פאַרליבן זיך אין אים און גיבן זיך אים איבער.

— האַ! — האָב איך צעעפנט דאָס מויל און אויערן. ווי אַ בליץ וואָלט מיך דורכגעשאָסן. — און ווי אַזוי האָט מען דאָס אויסגעפונען?

— ווי אַזוי! פריער איז ער נאָר אַרומגעגאַנגען און גערעדט. דערנאָך האָט ער זיך צו די פרויען אָנגעהויבן טשעפּען אויך. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ'האָט אים געמוזט נעמען אין דער משוגעים־הויז. דאָקטוירים זאָגן, אַז ער זעט דאָס אַלץ אין זיין פאַנטאַזיע און גלויבט טאַקע אַז אַזוי איז דאָס, אויף אַן אמת'ן משוגע...

מיט איינמאָל איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זי, פּעני, איז געוועזן אומשולדיק, אַ קרבן פון אַ ווילדן פאַנטאַזיאָר, פון אַ משוגענעם. אַז די, פאַר וועמען איך וואָלט מיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן, האָב איך מיט מיינע אייגענע הענט אומגעבראַכט! וואָרום זי האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט: „אַז איך וועל צו איר אַזוי זיין, וועט זי שטאַרבן". די קלאָרקייט האָט ווי מיט אַ שאַרפן מעסער אַ שניט געטאָן מיין האַרץ און אָפּגעשניטן אַלע פריידן, אַלע האָפנונגען פון מיין גאַנצן ווייטערדיקן לעבן.

נאָך דער באַגעגעניש מיט מיין באַקאַנטן, און נאָך די שרעקלעכע נייעס, בין איך שוין אַ היים מער ניט געגאַנגען. נאָך ביז היינט וויסן מיינע עלטערן ניט, וואו איך בין אהינגעקומען. כ'האָב מיט זיך ניט מיטגענומען ניט קיין זאַכן און ניט קיין געלט, וואָס פוילט דאָרט ערגעץ אין אַ באַנק. און ווי אַזוי האָב איך געקענט ווייטער שלאָפן אין אַ ווייכער, וואַרעמער בעט, אַז זי, מיין איינציקע געליבטע פוילט דאָרט אַזוי אומשולדיק אין אַ קאַלטן קבר?

טויט שטראָף

א הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פּאָר גבורה'שע הענט איז דער רום מייק ארומגעגאַנגען זוכן ארבעט. געוואַלט זיינע ברייטע פּלייצעס, זיינע גבורה'שע הענט פארשקלאַפן, נאָר קיינער האָט זיך אפילו אויף אים ניט אומגעקוקט. ווער דאַרף היינט שקלאַפן, ווער דאַרף הענט. איז ער וואָכן נאָכאַנאַנד ארומגעגאַנגען א הונגעריקער. זיין ריזן קערפּער וואָס האָט געקאָנט לאָבענס ברויט איינשלינגען, האָט טעג נאָכאַנאַנד קיין ברויט ניט אָנגעזען. ער האָט שוין געפּרואווט אפילו בעטן נדבות, נאָר ווער וועט געבן א נדבה אַזאַ ריז, אַז עס שלעפּן זיך ארום איבער די גאַסן אַזוי פיל קאַליקעס און בעטן נדבות? האָט טאַקע מייקס ריזן קערפּער פון הונגער געצערט. די שטייפע, שטאָלענע מוסקולן האָבן אַנגעהויבן לויז ווערן. דער פּנים וואָס האָט שטענדיק געשפּריצט מיט געזונט און לעבן, האָט געקראָגן א לעבנס־לאָזן, טונקל שווארצלעכן קאָליר. און די פּיס האָבן מער ניט געטראָטן מיט זיכערקייט איבער די האַרטע שטיינערנע טראָטוארן. האָט געטראָפן אַז מייק איז פארבייגעגאַנגען א בעקעריי און זיך אָפּגעשטעלט. גרויסע, קיילעכדיקע, און לאַנגע ברויטן מיט געפּלאַכטענע בייכער זיינען געלעגן אויסגעלייגט אין שויפענסטער און אין א ווינקל אַ באַרג זעמל אנגעוואָרפן. ביי מייקן האָבן זיך די אויגן אַנגעצונדן מיט א ווילד פייערל, אונטערן האַרצן נאָגט אַזאַ מאָדנע ליידיקייט. ער פילט ממש ווי דער מאָגן פארצערט און פארדייעט דאָס בלוט און פלייש פון זיין אייגענעם קערפּער. „ווען ער קען איצט", טראַכט מייק, אריינפּאַקן אין זיך איינעם פון יענע בייכיקע לאָבנס ברויט, עס וואָלט ביי אים אויפגעהערט אַזוי ברומען אין מאָגן און ציען די געדערים. פון זיך אַליין גיט מייק זיך ווי אַ לאָז צום טיר, שאַרט זיך אריין אין בעקעריי און בלייבט א פארלוירענער שטיין פאַר אַ קורצן דיקן מענטשן. מיט א פארשמאַלצטן אנגעגאָסענעם בויך און א ברייטן, פעטן פּנים. דער גערוך

פון פריש געבאקענעם ברויט, פון זעמל האט אים א שפאר געטאן אין נאז און נאך מער צערייצט דעם אפעטיט: — האללא, באס, האט מייק באוויזן ארויס־צוזאגן, — קענסט מיר אפשר געבן אן אלט ברויט, איך בין הונגעריק, איך וועל האבן וועל איך דיר באצאלן, הא, אן אלט ברויט, קענסט?

דער קורצער דיקער מענטש האט אנגעקוקט מייקן מיט פארזשמור־רעטע אויגן און גראב א זאג געטאן: — ביי מיר איז ניטא אומזיסט, איך וואלט וועלן צוטיילן אזעלכע לייט ווי דו וואלט איך ניט געהאט וואס צו פארקויפן.

— קענסט ניט? — האט מייק'ן א שלאג געטאן דאס בלוט אין פנים אריין.

— אוודאי קען איך ניט, — האט דער מענטש מיטן פארשמאלצטן בויך און ברייטן פעטן פנים א זאג געטאן. — בעסער טראג זיך אפ, איך וועל רופן פאליציי.

צו מייק'ן האט זיך, די רציחה א שפאר געטאן אין קאפ. די הענט האבן זיך אים אזש געטרייסלט: — וועסט רופן פאליציי, הא פארשמאלצ־טער חזיר דו!

ער האט א הויב געטאן די האנט און זי מיט זיין גאנצער גבורה אראפגעלאזן איבער דעם פארשמאלצטן בויך. דער קורצער, דיקער מענטש האט זיך א וואקל געטאן און שווער א פאל געטאן צו דער ערד. פון אן אפע־נער טיר האבן זיך א לאז געטאן בעקער אין ווייסע שירצן, זיך געווארפן אויף מייק'ן, נאר מייק האט זיי מיט א טרייסל פון זיך אפגעטרייסלט און זיך געלאזט לויפן. הינטער זיך האט ער געהערט א געלאף פון מענטשן, א געשריי: „באפט א מערדער!" צוויי פאליציי־לייט אין בלויע רעק זיינען אים פארלאפן דעם וועג, אים א פאק געטאן, און אז מייק האט זיך געווערט האבן זיי מיט די הילצערנע קלאבס אים געקלאפט איבערן קאפ, ביז מייק האט דערפילט א ווארימע פליסיקייט איבערן קאפ, אים איז פינסטער געווארן אין די אויגן און ער האט מער גאר ניט געפילט. געקומען צו זיך איז מייק ערשט אין האספיטאל. איבער אים האט געוואכט א קראנקן־שוועסטער, און

אַן א זייט איז געשטאַנען א פּאָליציי־מאַן און פון אים ניט אראָפּגענומען די אויגן...

* * *

דער טויטן צעל וואוהין מען האט מייק׳ן געבראַכט צו פאַרברענגען די לעצטע טעג פון זיין לעבן, איז באַשטאַנען פון פיר גרויע שמוציקע ווענט, א קליין צווייפענסטערל האַרט ביים סטעליע מיט צוויי גראָבע אייזערנע שטאַכעטן. דאָס ביסל ליכט וואָס שפּאַרט זיך דורך דער קליינער פענסטער אריין פון דרויסן איז קוים גענוג צו באַלייכטן דעם שמאָלן חדר, און פון דעם שטיינערנעם דיל האט געשפּאַרט א נאַסקייט און אַן איבערלעדיקער ריח. מייק ליגט נאָכאַנאַנד אויף דער שמאָלער — שוין צו שמאָלער בעטל פאַר אים מיט צוגעמאַכטע אויגן, און לעבט נאָכאַנאַנד איבער דאָס גאַנצע לעבן זיינס. אַן אַכט יאָריקער אינגל איז ער שוין געגאַנגען מיט זיין טאַטן אין פעלד, געהאָלפן אַקערן, זייען, דערנאָך זיך געלאָזט קיין אַמעריקע. גע־גראָבן טונעלן, געאַרבעט אין קוילן מינען, אַרומגעקראָכן אין די פינסטערע גריבער, איינגעאָטעמט אין זיך דעם שווארצן שטויב. שפּעטער פאַרלאָזן די פינצטערע גרובן און געגאַנגען בויען פאַר יענעם הייזער. טראָגן, גע־מישט צעמענט און אונטער זיינע הענט זיינען געוואַקסן הויכע, שטיינערנע געביידעס, הימל קראַצערס. און מיטאַמאָל א קריזיס. יאָרן אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, געהונגערט, וואו א לאָך זיך אויסגעוואָלגערט. געשלאָפן אין פּאַרקס, ליידיקע הייזער, אין שטאָלן. ווי א הונט אין די מיסט־קאַסטנס אַרומגעזוכט. פּאַרטריקענע, פאַרשימלטע שטיקלעך ברויט געפונען. מייק עפנט אויף די אויגן. זיינע בליקן וואַנדערן איבער די גרויע פאַרשימלטע ווענט און שטעלן זיך אָפּ אויף דער קליינער פענסטער מיט די צוויי אייזער־נע שטאַכעטן. ער מאַכט ווידער צו די אויגן. קלאָר זעט ער פאַר זיך דעם געריכט, דעם שטרענגן, בייזן ריכטער. די צוועלף דזשורי לייט, וואָס זיצן שטייפע, ערנסטע. דעם דיסטריקט אַטוירני, וואָס פאָדערט דורכויס טויט שטראָף פאַר אים. די עדות. און זיין פאַרטיידיקער, וואָס רעדט הויך, דער־ציילט עפּעס פון דעם לעבן פון א הונגעריקן מענטשן און פון א ריין און אַרבעטסזאַם לעבן. שווערע, לאַנגע שעה׳ן זיינען דאָס געווען פאַר אים, דער וואַרטן אויף זיין אורטייל און דערנאָך... מייק גיט א ציטער. ער זעצט זיך אויף די שמאָלע פאַרזשאַווערטע בעטל צעוויינט זיך מיט א הייזעריק ברים: „ער האט אים טאַקע דער׳הרג׳עט”, גיט אים א זעץ אין מוח, ווי ער וואָלט

עס צום ערשטן מאל באגריפן. „מיט איין זעץ דער׳הרג׳עט, נו איז וואס״, גיט זיך מייק א שטעל אויף און הויבט אָן שפאנען איבערן טויטן צעל. „איז וואס אז זיי וועלן אים דערפאר טויטן, איז וואס ארט אים. וועט ער כאָטש ניט פילן קיין הונגער. ער וועט שטארבן, איז וואס? צום טייוול מיט אזא לעבן, אבער אים, דעם חזיר האט ער אוועקגעלייגט, ניט געוואלט אים געבן אן אלט שטיקל ברויט. ניט געוואלט, באַדאי אין מיסט קאסטן אריינוואַרפן, נאר א מענטש זאל פון דעם ניט געניסן, אזא פארשמאלצטער חזיר!״

מייק הערט אויף שפאנען. לייגט זיך צוריק אויפן בעטל. מאכט צו די אויגן און וויל מער ניט טראכטן, נאר די געדאנקען קריכן אין קאפ, צעשפארן אים דעם מוח: — און עק — רעדט מייק אין ליידיקן צעל אריין: — זאל עס שוין געשען, איבערקומען.

א פאָר שעה פאר דער הינריכטונג איז צו מייק׳ן געקומען אין טויטן צעל אריין דער גייסטלעכער. מייק האט דעם גייסטלעכן אפילו ניט אנגע־קוקט. ער איז געזעסן אויף דער שמאָלער בעטל באוועגלאז, ווי ניט ער וואלט דארט געזעסן נאָר זיין טויטער סקעליעט. דער גייסטלעכער איז צוגעגאנגען צו מייק׳ן, געשטאנען איבער אים און גערעדט: — ביזט א זינדיקער מענטש. וועסט קומען אויף יענער וועלט א זינדיקער, האסט ניט מורא, קענסט איצט חרטה האָבן, זיך מתודה זיין, וועלן דיר די זינד פארגעבן ווערן. נא גיב א קוש די ביבעל, וועסט קומען אהין א געלייטערטער.

מייק איז געזעסן און זיך צוגעהערט. מיט אמאָל האט ער זיך גע־געבן א שטעל אויף. אויפגעהויבןביידע הענט אין דער לופטן און געזעוועט: — מיך ביסטו געקומען שטראפן? הא, מיך? ווילסט מיך באזארגן מיט א יענע וועלט. און אויף דער וועלט האב איך געמעגט הונגערן, קראפירן!? געמעגט, הא, געמעגט? דער גייסטלעכער האט געפינטלט מיט די אויגן און פאר שרעק זיך גענומען רוקן הינטערוויילעכץ. מייק האט מיט אפראכטונג זיך געגעבן פון אים א קער אפ, א שפיי געטאן אויפן דיל און ארויסגעבריי־עט: — געקומען מיך שטראפן. מיך באזארגן מיט א יענע וועלט, אזא...

ווען ער האט זיך ארומגעקוקט איז דער גייסטלעכער שוין ניט גע־ווען. מייק איז געשטאנען, איינגאנצן געציטערט, געקוקט מיט ווילדע אויגן

און ווי א משוגענער געברומט: — געזינדיקט האט ער... א געליטערטער זאל ער קומען אהין... אזעלכע אויסוואורפן... אזוי פיל האב און גוטס אזוי פיל ברויט פאראן. און ער דארף איבער א שטיקעל ברויט שטארבן, אזעלכע בלוט זויגערס, אזעלכע הינטישע נשמות...

לעבנס ווייזהייטן

אָרימקייט איז א געזעלשאפטלעכער איבל. דערפאר, אז דו דערנידעריקסט דעם אָרימאן וואס שטרעקט אוים א האנט. באליידיקסטו מיט דעם די גאנצע געזעלשאפט, וואס נעמט דיך אויך אריין אין קאָן.

*　*　*

אז דו וועסט ארומגיין מיט א דערשלאָגענעם געמיט, וועלן דיך מענטשן ניט וועלן דערקענען. אז דו וועסט ארומגיין מיט א געהויבענעם געמיט וועלן מענטשן זיך קלעפּן צו דיר. דערפאר אז דו פילסט דערשלאָגן, מאך א געהויבענעם אָנשטעל.

*　*　*

שטענדיק ווען דו דערפילסט די מרה־שחורה אָנקומען, זאָלסטו זי פארטרייבן פון זיך. אז דו וועסט לאזן די מרה־שחורה זיך באפעסטיקן אין דיר, וועט דער פונדאמענט פון דיין אייגענעם לעבן צעפאלן.

*　*　*

פאנטאזיע האט ניט קיין גרעניצן. דערפאר זאָלסטו דיין פאנטאזיע ניט געבן צופיל פרייהייט. זי וועט דיך אויפהויבן אין די הימלען און דערנאָך וועסטו מיט מער אימפעט זיך אָנשלאגן אָן דער הארטער, גרויער ווירקלעכקייט.

פעסימיזם איז דער ווארעם וואס עסט אויף די אמביציע. דערפאר, אז דו טראגסט זיך ארום מיט פעסימיסטישע געדאנקן פארשטעלסטו מיט דעם זיך אליין דעם וועג צו דערפאלג.

* * *

זאלסט ניט גלויבן אין שדים אדער ניט־גוטע. די וועלט פארמאגט זיי ניט, סיידן אפשר די מענטשן...

* * *

וואַרף ניט אַרויף דיינע שלעכטע מעשים אויף דער שלעכטער געזעלשאפט, ווייל דאן ביזטו ניט מער ווי א פייגלינג וואס באהאלט זיך אונטער דער שוץ פון א — שלעכטער געזעלשאפט...

* * *

זיי פריינטלעך.

פריינטלעכע ווערטער מאכן ווייך דאָס האַרץ און גוט דעם מענטשן — אומפריינטלעכקייט האָדעוועט אוים שונאים.

* * *

אין א פיינער געזעלשאפט איז לייכט צו זיין א פיינער מענטש. די קונץ איז צו זיין א פיינער מענטש אין א שלעכטער געזעלשאפט.

* * *

נעם אלעם לייכט, וועסטו אלע שטערונגען אין לעבן קענען גרינג איבערקומען.

אז דו וועסט אין לעבן אלעס נעמען שווער, וועט די משא דיך מיט דער צייט אראפשלעפן ביז אין קבר אריין.

*   *   *

אויב דיינע אומשטענדן זיינען שלעכטע — האף אויף בעסערע — אויב קיין בעסערע קומען ניט — האף ווייטער.

*   *   *

אז אן אייגענער העלפט דיר ארויס מיט א דאלער, איז דאס ביי אים גרויס אין די אויגן. ווערט ביי אים דער דאלער פארפילפאכט — דערפאר איז גלייכער מיט אייגענע ניט מאכן קיין חשבונות — וועסט זיך קיינמאל ניט אויסצאלן.

*   *   *

אז דו קומסט צו דיינע אייגענע צו גאסט, קום מיט א פולער קעשענע. ווארום אז דו וועסט קומען מיט א ליידיקער קעשענע, וועסטו דערנאך האבן א פולע הארץ.

*   *   *

זאלסט זיך ווי ווייט מעגלעך ניט פארקריגן מיט דיינע אייגענע אדער־פריינט. עס קען קומען א צייט און דו וועסט זיך נויטיקן אין זיי, וועט דיר דערנאך פארדריסן.

*   *   *

טראג זיך ניט ארום מיט דער מרה־שחורה. די מרה־שחורה איז פינסטער און פארשטעלט די ליכטיקע זייט פון לעבן.

אז דו ביסט א קבצן, זיי מיט דיינע אייגענע פון וויטן, וועלן זיי צו דיר פילן נענטער.

*   *   *

זאָלסט זיך ניט באליידיקן פון א נאר, ער האט אפשר דיך גארניט געמיינט צו באליידיקן.

*   *   *

זאָלסט זאָגן דעם אמת ווען דו קענסט, און אליגן ווען דו מוזט.

*   *   *

זאָלסט ניט רעדן פון חכמה מיט דעם נאר, ער פארשטייט ניט קיין חכמות, און ער קען דיך נאָך באליידיקן פאר דעם.

*   *   *

קיינער צווינגט דיך ניט צו זיין א אידעאליסט. דערפאר, אז דו ביזט א אידעאליסט זיי עס מיט'ן גאנצן הארצן.

*   *   *

זאָלסט ניט אנטלויפן פון מענטשן, אז דו ביזט איינזאם וועט דיר ניט נאר דיין הויז, נאָר אפילו די גאס זיין ענג.

*   *   *

זאָלסט ניט ארומגיין שטענדיק און זיך קלאָגן אויף דיינע צרות. פרעמדע אינטערעסירט עס ניט, און אייגענע און פריינט דערעסט עס.

אז דו ווערסט א שקלאַף צו דיינע לײדנשאַפטן, האָב אין זינען, אַז דו אַליין ביזט דאָס דער, וואָס האָט דיך פאַרשקלאַפט און נאָר דו אַליין קענסט זיך באַפרייען.

*   *   *

אַז עס קומט צו דיר אַן אייגענער, וואָס איז רייכער פון דיר, פאַרפיר מיט אים ניט קיין געשרפעך פון געלט. ער וועט זיך אָנהויבן איילן אוועק־צוגיין...

*   *   *

זאָלסט אויסמיידן די געזעלשאַפט פון נאַראַנים און די געזעלשאַפט פון גראָבע יונגען. מיט די ערשטע וועסטו זיך ניט קענען אָריענטירן, און דיר וועט זיין לאַנגווייליק, און די צווייטע וועלן פון דיר מאַכן חוזק פאַר־וואָס דו קענסט ניט, ווי זיי, זאָגן גראָבע וויצן...

*   *   *

אַז דו קומסט צו דיין פריינט און ער גיט דיר באַלד אָנצוהערעניש, אַז היינטיקע וואָך איז ער זייער געענגט, זאָלסטו זיך אָנשטויסן, אַז דאָס מיינט ער איז געקומען נאָך א גמילת־חסד און ער וויל דיך ניט פאַרשעמען.

*   *   *

הער אויס דיין פריינט אויפמערקזאַם אפילו אַז דו ווייסט ער זאָגט ליגן. אַז דו וועסט אים לאָזן וויסן, אַז דו ווייסט ער זאָגט ליגן, וועסטו פאַרלירן זיין פריינטשאַפט.

*   *   *

זאָלסט ניט לעבן אין ענגשאַפט, אפילו מיט דיינע בעסטע פריינט. זיי וועלן מיט דער צייט דיר ווערן שונאים.